גליון
# באור החיים

יהא לאור ע"י
איחוד
תלמידי וחסידי טאהש

חג השבועות - תשפ"ו לפ"ק | גליון תתפ"א

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
הגה"צ רבי מרדכי אברהם גינזבורג שליט"א
חדב"ן כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב ובשעטו"מ
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך

פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר יואל בר"ל גוטמאן הי"ו (קרית יואל)
לרגל שמחת הכנסת בניו התאומים הב' יעקב יוסף ני"ו והב' שלמה ישראל ברוך ני"ו לעוהתו"מ למז"ט
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### כשהגיעו בני ישראל להר סיני השיגו את התורה מצד זיכוך אבריהם

**אומרים בהגדה של פסח, אילו קרבנו לפני הר סיני ולא נתן לנו את התורה דיינו.**

והוקשה הרה"ק מ'בארדיטשוב זי"ע דלכאורה איזה טובה היה לנו מזה שהשי"ת קרבנו לפני הר סיני אם לא היה נותן לנו את התורה.

ופירש הוא ז"ל, על פי מה שאמרו חז"ל (שבת קמו.) ישראל שעמדו על הר סיני פסקה זוהמתן, דהיינו שהיו מזוככים ומטוהרים מכל זוהמא וטומאה, וכיון שהרמ"ח אברים ושס"ה גידים היו מזוככים, השיגו מעצמם את רמ"ח מצות עשה ושס"ה מצות לא תעשה שבתורה, כמו שאמרו חז"ל (יומא כ"ח:) קיים אברהם אבינו ע"ה את כל התורה כולה עד שלא ניתנה, והיינו שאברהם אבינו ע"ה זיכך וטיהר כל אבריו וגידיו, וממילא הרגישו אבריו וגידיו מעצמם את כל מצות התורה, לכן אילו קרבנו לפני הר סיני אף אם לא נתן לנו את התורה דיינו, כי כבר השיגו בני ישראל את כל התורה מעצמם מצד זיכוך אבריהם.

(דב"ק שבועות)

### יסוד קבלת התורה הוא ביטול הרצון אל ה'

אמרו חז"ל (מגילה כ"ט.) כי בשעה שבא הקב"ה ליתן התורה על הר סיני באו ההרים הר תבור והר הכרמל, וביקשו שהקב"ה יתן התורה עליהם, אמר להם הקב"ה (תהלים ס"ח י"ז) למה תרצדון הרים גבנונים, כולכם בעלי מומין אתם גבי הר סיני, שנאמר (ויקרא כ"א כ') או גבן או דק, ההר חמד אלקים לשבתו זה סיני, שהקב"ה חמד את הר סיני ליתן עליו את התורה.

הנה בכל הענין הזה יש להוסיף ביאור, למה בחר הקב"ה ליתן על הר סיני דייקא, ולמה לא רצה ליתנה על ההרים הרמים, ולמה כינה אותם הקב"ה בשם כזה בעלי מומין.

ויבואר על פי מה שאמר הכתוב (דברים ל"ג ד') תורה צוה לנו משה מורשה, ודרשו חז"ל אל תקרי מורשה אלא מאורסה, כי מתן תורה היתה בחינת אירוסין ונישואין של הקב"ה וכנסת ישראל, והענין בזה כי אירוסין ונישואין, הוא ענין של ביטול הרצון, שהאשה מבטלת את עצמה לבעלה, ונקנית אליו ואין לה שום עצמיות, כי משעה שנתקדשה נאסרת על כל העולם, ומשועבדת לבעלה לבד, כענין הזה ממש היה ענין מתן תורה, שבני ישראל מסרו את עצמם ביד ה', להיות נקנים ומשועבדים אליו לבד, באופן שלא יהא להם שום עצמיות, אלא יהיו בטלים בתכלית

המשך בע' ב

נתנדב על ידי נגידים החשובים תומכי תורה וחסידות ראשונים לכל דבר שבקדושה למען קהילתינו ומוסדותינו הקדושים
פרנס פעולות האיחוד לחודש סיון
ידידנו היקרים משפחת מערמעלשטיין החשובה והנכבדה
לעילוי ולטובת נשמות הוריהם
אביו/זקינם הרה"ח ר' חיים נחום בן ר' יהודה ז"ל - חותנו/זקינם הרה"ח ר' צבי ארי' בן ר' ישראל ז"ל
תהא נשמתם צרורה בצרור החיים אמן
אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך!
מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"י

**נהלת בעזך אל נוה קדשיך, מיט די כח התורה וואס ווערט אנגערופן עוז, וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה בב"א.**

(שיח"ק ח"ג קנ"ג)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באדיש

המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ח ר' מרדכי מאיר הכהן לאנדאוי הי"ו (וומסב"ג)
לרגל שמחת אירוסי נכדתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## ביי מתן תורה איז די גאנצע אור העולם נתדכך געווארן

חז"ל זאגן אז אין די צייט וואס דער אייבערשטער האט געזאגט די עשרת הדברות איז ביי יעדע דיבור געווארן אנגעפילט די גאנצע וועלט מיט בשמים, קען מען מבאר זיין די כוונה אין דעם, וואס איז פשט אז די גאנצע וועלט איז אנגעפילט געווארן מיט בשמים.

עס איז ידוע פון ספרים הק' אז עס איז דא אין א מענטש פינף חושים, חוש הראי', חוש השמיעה, חוש הטעם, חוש הריח, און חוש המישוש, און די אלע חושים ווערן דערמאנט ביים חטא עץ הדעת, 'ותרא האשה, יתאכל, ותתן, וישמעו,' חוץ די חוש הריח ווערט נישט דערמאנט, ווייל אלע חושים זענען נפגם געווארן ביים חטא חוץ די חוש הריח, פארדעם זאגן חז"ל (ברכות מ"ג ע"ב) איזה דבר שהנשמה נפנית ממנו ואין הגוף נהנה ממנו, הוי אומר זה הריח, ווייל די חוש הריח איז געבליבן א חוש רוחני, אזוי ווי אלע חושים זענען געווען פארן חטא, פארדעם איז די נשמה נהנה פון דעם ווייל עס איז געבליבן א חוש רוחני.

און דאס איז די ענין וואס עס שטייט ביי משיח צדקינו, אז ער וועט משפט'ן די וועלט דורך די ריח אזוי ווי חז"ל זאגן אז ער וועט זיין 'מורח ודאין', אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ישעיהו י"א ג') והריחו ביראת ה' ולא למראה עיניו ישפוט ולא למשמע אזניו יוכיח ושפט בצדק דלים וכו', דאס איז ווייל ווען משיח וועט קומען, וועט בטל ווערן די זוהמת חטא עץ הדעת פון די וועלט, און ממילא וועלן אלע חושים צוריק ווערן אזוי ווי די חוש הריח, און אויך די חוש הראי' און חוש השמיעה, וועלן ווערן חושים רוחניים, וואס נאר די נשמה וועט נהנה זיין פון דעם און נישט די גוף, און דאס איז די כוונה אז משיח וועט זיין א 'מורח ודאין', ווייל אלע חושים וואס ער וועט משפט'ן מיט דעם וועלן זיין בבחינת ריח, און דאס איז פשט 'ולא למרא עיניו ישפוט', דאס הייסט אז נישט מיט די חוש הראי' פון יעצט, 'ולא למשמע אזניו יוכיח' דאס מיינט נישט מיט די חוש השמיעה פון יעצט וואס איז נתגשם געווארן, נאר מיט חושים רוחניים וואס וועלן אלע אנגערופן ווערן אויפן שם הריח, ווייל אלע וועלן זיין רוחניים וואס די נשמה איז נהנה פון דעם.

און מיט דעם קען מען פארשטיין דאס וואס חז"ל זאגן אז ביי יעדע דיבור וואס איז ארויסגעקומען פונעם אייבערשטן, איז די גאנצע וועלט אנגעפילט געווארן מיט בשמים, ווייל עס איז ידוע וואס חז"ל זאגן אז ביי מתן תורה איז די גאנצע וועלט נזדכך געווארן פון די זוהמה פון די חטא אדם הראשון, אזוויוי עס וועט זיין ווען משיח וועט קומען, און דעמאלטס איז געווען א צייט פון א תיקון השלם, ווען נישט די חטא העגל וואס איז געווען נאכדעם, און דאס איז געווען די כוונה אז די גאנצע וועלט איז געווען אנגעפילט מיט בשמים, דאס מיינט אז ביי יעדע דיבור פונעם אייבערשטן איז די אויר העולם געווארן מער נזדכך ביז עס איז נתמלא געווארן אינגאנצן מיט בשמים, דאס מיינט אז די גאנצע וועלט איז געווארן רוחני, אזוי ווי די חוש הריח וואס איז נישט נפגם געווארן.

און דאס איז די ענין וואס חז"ל זאגן אז ביי מתן תורה האבן אידישע קינדער געזעהן די נשמע, און געהערט די נראה, ווייל אלע חושים פון זיי זענען געווארן רוחניים אזוי ווי די חוש הריח, פארדעם האט מען געקענט זעהן די שמיעה, און הערן די ראיה, ווייל ביי א כח רוחני איז נישט שייך קיין גבול אין צומצום, פארדעם איז געווען אין אלע חושים די כח פון אלע צוזאמען.

(עבודת עבודה פתג"ק לשבועות)

המשך מע' א

רק אל רצון הבורא.

ובזה יבואר היטב, למה בחר הקב"ה ליתן התורה דייקא על הר סיני, כיון שטבעו של הר הזה הוא להיות בטל בעיני עצמו, וזהו היסוד של מתן תורה, ביטול הרצון אל ה', ולכן כאשר ביקשו שאר ההרים שעליהם תינתן התורה, אמר להם הקב"ה כולכם בעלי מומין אתם גבי הר סיני, כי היסוד של קבלת התורה הוא ההיפך מן הגאוה, כי אם ביטול הרצון אל ה' מכל וכל, בלי שום עצמיות.

(פתג"ק שבועות)

# אלו הדברים שמענו כגחלי אש מפה קדשו של כ"ק מרן רבינו שליט"א בפתיחת הזמן ודרשת הכנה לחג השבועות ראש חודש סיון תשפ"ו

## מיוחד לבחורי חמד תלמידי ישיבותינו הקדושות

### רבינו האריך בהדרכות נפלאות ויסודות איתנים, ולקטנו רק מעט מזער איזה ניצוצין קדישין ממה שזכינו לשמוע כדי להיות דברים האלה לזכרון לפנינו תמיד.

**א) יש לבאר הטעם שקודם קריאת התורה מברכין אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו. ואחר הקריאה מברכין אשר נתן לנו תורת אמת וחיי עולם נטע בתוכינו.**

כי קודם לימוד התורה אין יכולין להרגיש הטעם ומתיקות התורה, וגם אין מרגישין ומשיגין את האמת בהתורה הקדושה, שמתחילה הרי לימוד התורה קשה על האדם וצריך לייגע עצמו בתורה עד שירגיש את האור והמתיקות הטמון בהם, ולכל זה זוכין רק אחר שמייגע האדם את עצמו בלימוד התורה, ואז יוכל להרגיש את אור האמת הטמון בעמקות התורה, וגם משיג אז שהתורה הוא ממש חיי עולם ותענוג אמיתי והוא חיות נפשו באמת.

ועל כן קודם הלימוד מברכין רק ברכת אשר בחר בנו, שמתחילה לומדין תורה רק בשביל זה שהקב"ה בחר בנו וצוה אותנו ללמוד, אבל אחר שכבר קרא התורה ולמדה והשיגה, אז יזכה האדם להשיג קדושת התורה, ולכן דוקא אחר הקריאה יכולין לברך בפה מלא ברכת אשר נתן לנו תורת אמת וחיי עולם נטע בתוכינו.

**ב) במדרש שדוד המלך אמר בכל יום ויום לבית פלוני אני הולך, למקום פלוני אני הולך, ורגלי מוליכות אותי לבית המדרש.**

יש לפרש כי רמז דוד המלך מוסרו לעם ישראל לכל הדורות, שאם ירגיל את עצמו לילך למקום פלוני ולבית פלוני ולעסוק שם בדברים של מה בכך, אזי לא יחשוב האדם שיכול אחר כך לילך לבית המדרש וללמוד תורה כראוי וכיאות, כי "רגלי" אותן הרגלים שהלך למקום פלוני ולבית פלוני, זה עצמו יוליך עמו לבית המדרש, וגם ביושבו בבית המדרש יפריע לו מה שעסק במעדנים ובהבלי עוה"ז, ויהי' קשה עליו ביותר לזכות לאור התורה, ועל כן כדי לזכות לקדושת התורה צריך האדם להסיר עצמו מכל הבלי עוה"ז, ולשום מחשבתו רק בתורה הקדושה, ואז יוכל לילך ממדריגה למדריגה בקדושת התורה.

ובכן בחורי חמד שלומדים תורה בישיבותינו הקדושות שהם מחוץ לעיר ואין מתעסקין בהבלי עוה"ז, להם ראוי ומוכשרין לקבל טהרה ודביקות התורה, והחי יתן אל לבו לשום כל מחשבותיו רק בתורה הקדושה בקדושה ובטהרה, וישמור מחשבותיו ודיבוריו ומעשיו, וח"ו לא ינבל פיו לדבר דברים מאוסים, ואדרבה רק יקדש פיו ולבו וידיו להשי"ת, ואז יוכל ללמוד התורה כראוי וכיאות, ויוכל לקשר עצמו בקדושת התורה ביתר שאת ויתר עוז.

**ג) רבינו הקדוש זיע"א הי' אומר שקרא ישיבתו אשר ייסד בשם אור החיים, וגם ישיבותינו הקדושות שנתחדש על שמו של רבינו הקדוש תורת ותפארת משולם פייש הוא המשך ונדבך אבנים מיסוד אבן הפינה שייסד על שם קדושת תורתו של רבינו האור החיים זיע"א.**

והי' מרגלא בפומי' דרבינו הקדוש זי"ע כי האוה"ח הקדוש זי"ע הי' לו שתי ישיבות אחת ללימוד נגלה, והשנית ללימוד נסתר. ועל כן גם אנו צריכין לילך בדרך זה, וכן צריך להיות "טאהשער בחור" שחוץ מלימוד הנגלה שעוסק בתורה כל היום, צריך להיות בו גם תורת "הנסתר" דהיינו שיהי' בו יראת שמים בסתר, דבר שאין האדם מכיר רק הקב"ה, להיות בו יראת שמים וקדושה טמונה ובוערת בקרבו אש תמיד תוקד להשי"ת, ויקיים שויתי ה' לנגדי תמיד בתוכו ובפנימיותו, עד שאור התורה בנסתר יגלה גם על פניו מבחוץ, ויהי' ניכר עליו שהשכינה שורה בתוכו, להיות ירא שמים בסתר ובגלוי, והכרת פניו יענה בו כי בנים קדושים אתם לה' אלקיכם.

ובוודאי שרבינו הקדוש שייסד ישיבותינו והשריש בנו הדרך להשיג הן תורת הנגלה ותורת הנסתר הוא היראת שמים, אכן יסייע מלמעלה בעד כל אחד מתלמידיו הקרויין בנים הלומדים בישיבתו שנקראת על שמו, ואור קדושת תורתו וצדקתו יאיר אור גדול בנו כל הימים, שנזכה ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים ולקבל את התורה בקדושה ובטהרה ובשמחה מתוך כל השפעות טובות בבריות גופא וכל טוב סלה.

## עבודת משולם פייש לשבועות - מנהגי קודש (עמוד תלו)

מדקדקין שלא להפסיק בדיבור מתחלת ליל שבועות עד אחר כתר של יום א' דשבועות. ורבינו הסבא קדישא זי"ע נהג שמאז עלה ונסתפג מטבילת ערב יום טוב, לא הפסיק בדיבור עד לאחר תפילת מוסף של יום טוב, ולא שח אף בלשון הקודש.

הרה"ק רבינו מהרא"צ מקאמארנא זי"ע כותב בדמשק אליעזר ח"א דף ס"ה כתב וז"ל, בשם אאמו"ר זלה"ה, שאל יפסיק שום בר נש בשיחה בטילה מתחלת הלילה עד אחר תפלת מוסף. וכן כתב בהקדמה לספרו אור עינים וז"ל, צריך ליזהר מתחלת ערב שבועות עד אחר תפלת מוסף שלא לדבר שום דבר חול, אלא לדבק נפשו באלקי ישראל כל אותו זמן. כי הוא מסוגל ליראת השם לכל השנה, ע"כ. וכן נהג רביה"ק זי"ע שלא הפסיק בשום דיבור, ורק כשהיה צריך לדבר בעת הצורך דיבר בקצירת האומר ממש, וגם אז כיוון שלא להפסיק מדביקתו באלקי ישראל.

ישיבה גדולה תורת משולם פייש ד'טאהש
ניו יארק

# א ווארט צום יום טוב טיש
געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים יום טוב טיש

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **בנימין זאב חסן** הי"ו (לעיקוואד)
לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# א תורה לכבוד יום טוב

## יום טוב שבועות איז געלויבט

אין די גמרא מסכת מגילה (דף כ"א) געפינען מיר דעם לשון 'אמצעי משובח', דער מיטעלסטער איז דער געלויבסטער, דעריבער איז דער יום טוב שבועות חשוב'ער פון די אנדערע ימים טובים, ווייל דאס איז דער מיטעלסטער יום טוב צווישן פסח און סוכות.

(שפת אמת)

## והייתם לי סגולה

דאס ליבשאפט פון השי"ת צו די אידן איז אזוי ווי א 'סגולה', אפילו עס האט נישט קיין טעם.

(היהודי הקדוש)

## ובכן תן פחדך

דער הייליגער רבי ר' ברוכ'ל מ'מעזיבוז זי"ע האט געזאגט: 'איך האב מורא פון יום טוב שבועות, מער פון ראש השנה', זיך ערקלערנדיג ווייבאלד ראש השנה משפט מען אויף פרנסה, 'נו, א בילקע ארויף, א בילקע אראפ, וואס קאן שוין זיין, אבער שבועות איז דאך א יום הדין אויף חיי נפש', וויפיל תורה און רוחניות מען וועט איינזאפן היי יאר, דערפאר איז די פחד אסאך גרעסער.

(הרה"ק רבי ברוכ'ל ממעזיבוז זי"ע)

## הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם

דער הייליגער אפטא רב זי"ע האט אמאל געזאגט: 'איך האב געהערט אין נאמען פונעם הייליגן רבי ר' מענדעל'ע מרימנוב זי"ע, אז אין שבועות האבן די אידן מקבל געווען די תורה, און טאמער וואלטן די אידן נישט מקבל געווען דעם תורה וואלט די וועלט געווארן תוהו ובוהו, קומט דאך אויס אז די אידן זענען די וואס האלטן אויף די וועלט'.

דאס מיינט די גמ' 'בעצרת בעינן נמי לכם', אז די וועלט דארף צוקומען 'לכם', צו די אידן, ווייל אן זיי איז קיין וועלט נישטא.

(אור לשמים)

## ליכא מידי דלא רמיזא באורייתא

אלע ימים טובים האבן א רמז אין יו"ט שבועות, ווייבאלד דאס איז די זמן מתן תורה, און אין די תורה איז אריינגערעכנט אלע ימים טובים.

ראש השנה: עס שטייט ביי מתן תורה 'וקול שופר חזק מאוד', און ר"ה בלאזט מען שופר.

סוכות: אין די סוכה זיצט מען תחת כנפי השכינה, אזוי ווי ביי מתן תורה, און אויך איז שבועות נאכ'ן ציילן 7 וואכן - אזוי ווי די זוה"ק ברענגט אז דאס ווייזט אויף די ז' 'ימי הבנין', און דער ענין פון נטילת לולב איז אויך די זעלבע כוונה.

פסח: עס ווערט געברענגט פון אריז"ל אז שבועות איז די אכטע טאג פסח אזוי ווי שמיני עצרת ביי סוכות.

יום כיפור: חז"ל זאגן אז פאר 3 מענטשן איז מען מוחל די עונות, איינע פון זיי איז א חתן, און ווייבאלד מען איז מוחל פאר דעם חתן, איז מען דאך אוודאי אויך מוחל פאר די כלה, חז"ל ברענגען אז 'ביום חתונתו זה מתן תורה', קומט אויס אז שבועות איז געווען א חתונה, און כנסת ישראל איז דאך די כלה, איז מען אונז מוחל די עונות, דאס איז די רמז אויף יום כיפור אין שבועות, ווייל יוה"כ איז מען אויך מוחל עונות.

(קדושת לוי)

## תיקון ליל שבועות

מ'קען מסביר זיין דער טעם פארוואס די אידן זענען געשלאפן שבועות אינדערפרי - אין דעם גרויסן טאג ווען זיי האבן געדארפט מקבל זיין די תורה, איז ווייבאלד די אידן האבן געמיינט אז זיי וועלן נאר אין זייער חלום זוכה זיין צו הערן די רייד פון השי"ת, אזוי ווי דער אייבערשטער האט זיך באוויזן צו יעקב אבינו אין חלום, ממילא האבן זיי זיך געלייגט שלאפן, אז זיי זאלן זוכה זיין מיטצוהאלטן קבלת התורה.

(פרי צדיק)

## למעלה מן הזמן

פסח און סוכות זענען זיבן טעג פון די וואך, קומט אויס אז יעדע יאר זענען אלע טעג פון די וואך א חלק פון די יום טוב, אבער שבועות וואס איז נאר איין טאג קומט אויס אז יעדע יאר איז א באזונדערע טאג, נישט די זעלבע טאג פון די וואך, דאס קומט צו ווייזן אז די תורה איז למעלה מן הזמן.

(בני יששכר)

***

# א מעשה לכבוד יום טוב

## ויוצא משה את העם

ווען דער הייליגער קאזניצ'ער מגיד זי"ע איז איינמאל שבועות אנגעקומען צו די פסוק 'ויוצא משה את העם' האט ער געגעבן א געשריי 'אוי' ווי וואס פאר א זיסקייט איז דאס, דער הייליגער משה האט ארויסגעצויגן אידישע קינדער פון זייער ארציות נאנט צו ברענגן צו גאט ב"ה'.

## איזהו חכם הרואה

איינמאל יו"ט שבועות זענען געזעסן צוזאמען דער הייליגער בארדיטשוב'ער זי"ע מיט'ן קאזניצ'ער מגיד זי"ע, האט זיך דער קדושת לוי אנגערופן 'דער וואס האט קלארע אויגן דארף קענען מארגן ביי מתן תורה זעהן די קולות וברקים' האט זיך דער קאזניצ'ער מגיד אנגערופן, 'גוט דארף מען איצט מתפלל זיין אז השי"ת זאל אויסהיילן אונזערע אויגן, מיר זאלן קענען זען וואס מ'דארף זעהן'...

## באימה וביראה

איינע פון די הייליגע תלמידים פון הרה"ק רבי שלמה לייב מ'לענטשא זי"ע האט דערציילט אז איינמאל איז ער געווען ביי זיין רבי'ן שבועות, און בעת דער שלחן הטהור האט זיך דער צדיק אנגערופן, 'וואס דארף מען טון אין אזא הייליגע נאכט, מ'דארף זיך גרייטן צו קבלת התורה באימה ביראה ברתת ובזיעה', זאגנדיג דאס האט זיך אים אנגעהויבן ווארפן זיין גאנצן גוף, אז ס'איז געפאלן א פחד אויפ'ן גאנצן עולם, ער האט זיך אנגעכאפט אין טיש, און דער גאנצער טיש האט זיך געווארפן, מ'האט אים געמוזט אריינפירן אין זיין שטוב ער זאל אביסל צו זיך קומען, און הערשט נאכדעם האט מען ווייטער געקענט פירן טיש.

## איינס ווי צוויי

הרה"ק רבי ר' מאיר'ל מ'פרעמישלאן זי"ע האט אמאל אריינגערופן א חסיד און אים געגעבן א בריוו צו טראגן צום הייליגן רוזשינער זי"ע, אנזאגנדיג אז ער זאל דעם בריוו אריינלייגן אין זיין שיך און נישט ארויסנעמען ביז ער געפונט זיך אין שטוב פונעם הייליגן רוזשינער.

אנקומענדיג קיין רוזשין האבן די גבאים געוואלט זעהן דעם בריוו ער האט עס אבער נישט געוואלט ווייזן, זאגנדיג די שטרענגע באפעל פון רבי מאיר'ל דאס נישט צו ווייזן, ערשט ווען ער איז אריינגעקומען צום צדיק, האט ער זיך אויסגעטוהן זיין שיך, און געגעבן דעם בריוו ווי ס'איז געווען געשריבן ווי פאלגענד: 'אזוי ווי ס'קומט שבועות, און איך בין נישט געזונט, און מ'דארף עסן קרעפלעך ווייס איך נישט וויאזוי זיך צו פירן, איינס צו עסן איז צו ווייניג, און צוויי איז שוין זוגות, דריי איז שוין צופיל', האט דער רוזשינער געענטפערט ער זאל מאכן איין קרעפל וואס איז אזוי גרויס ווי צוויי'. ומי יעמוד בסוד קדושים וטהורים.

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **חיים נחום מערמעלשטיין** הי"ו (בארא פארק)
לרגל שמחת אירוסי בנו החתן ברוך בנציון נ"י למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

## תיקון ליל שבועות

### א
### שאלה: ווי איז דער מקור אז שבועות ביינאכט איז מען אויף א גאנצע נאכט, און מען איז עוסק בתורה?

עס שטייט אין זוהר הקדוש, "חסידי קדמאי" די פריערדיגע חסידים "לא הוו נימי בהאי לילא" זיי זענען נישט געשלאפן די גאנצע נאכט פון שבועות, "והוי לעין באוריתא" און זיי האבן זיך געפלאגט אין די תורה, "וההיא ליליא כנסת ישראל אתעטרת עלייהו" און די נאכט ווערט די כנסת ישראל באקרוינט פארן אייבערשטן, "זכאה חולקהון בעלמא דין ובעלמא דאתי" גליקליך איז זייער חלק אויף די וועלט, און אויף די קומענדיגע וועלט.

דער הייליגער של"ה שרייבט: אז דער מנהג איז נתפשט געווארן אין גאנץ ארץ ישראל, און אין די גאנצע מלכות אן קיין אויסנאם, ביי יעדן איינעם גרויס אין קליין, און אזוי האט מען מקבל געווען אויף זיך און אויף די קינדער.

אין ספר סדר היום שטייט מיט דעם לשון: דער ענין פון זיין אויף שבועות א גאנצע נאכט, זאל נישט זיין גרינג אין די אויגן פון די מענטשן, ווייל כאטש וואס פון איין זייט איז א מענטש נישט מער ווי פון פלייש און ביין, נידריג און שוואך, אבער פון די אנדערע זייט האט יעדער מענטש א געוואלדיגע כח, און עס ליגט אין זיינע הענט אוועקצושטעלן אלע עולמות העליונים, אזאך וואס קיין שום מלאך קען נישט דערגרייכן, איבערדעם יעדער מענטש, ווי קליין ער זאל נישט זיין, און אפילו ער איז א פראסטער מענטש, דארף ער זיך חשוב האלטן, און ארויפקוקן אויף זיינע כוחות, און טראכטן אז אפשר דורך מיין אויף זיין די גאנצע נאכט און לערנען, וועל איך מאכן א געוואלדיגע נחת רוח פארן בורא כל עולמים (סדר היום סדר חג השבועות).

### ב
### שאלה: איז דער מנהג שייך אויך פאר פרויען, און קינדער?

פרויען און מיידלעך בלייבן נישט אויף, און זאגן נישט קיין תיקון ליל שבועות, ווייל דאס באלאנגט דוקא פאר מענער (שו"ת רב פעלים ח"א סוד ישרים סימן ט').

#### קינדער

כאטש עס איז נישטא קיין חיוב, מחנך צו זיין קינדער אויף צו בלייבן א גאנצע נאכט, פונדעסטוועגן פירט מען זיך, מחנך צו זיין די גרעסערע קינדער, אז זיי זאלן אויף זאגן תיקון ליל שבועות, כדי זיי זאלן אויך דערגרייכן צו די געוואלדיגע השפעות פון די הייליגע נאכט.

**באמערקונג**

די עלטערן דארפן מחנך זיין, און ערקלערן פאר די קינדער וואס בלייבן אויף, אז זיי זאלן אויסניצן די הייליגע נאכט, מיטן זאגן דעם תיקון לויט זייער השגה, און אין דעם זכות וועלן זיי זוכה זיין צו אלע הייליגע השפעות, וואס עס שטייט אין די ספרים הקדושים, און מען דארף זיי אנזאגן, אז זיי זאלן חס ושלום נישט שטערן פאר אנדערע, ווייל דעמאלטס איז בעסער אז זיי זאלן גייען שלאפן.

#### א חולה אדער אן עלטערע מענטש

ווען איינער פילט נישט גוט, אדער א עלטערע מענטש, וואס קען נישט אויף בלייבן א גאנצע נאכט, אויב ער קען אויפשטיין פארטאגס, און דעמאלטס זאגן דעם תיקון, זאל ער ענדערש אזוי טאן, ווייל דעמאלטס זענען די טויערן פון הימל אפען, און אויב עס איז אים שווער אויפצושטיין, זאל ער זאגן אנהייב נאכט לויט זיין יכולת.

### ג
### שאלה: פון ווען קען מען שוין זאגן תיקון ליל שבועות?

דער מנהג איז, אז מען הייבט אן צו זאגן תיקון ליל שבועות, תיכף נאך די סעודה, וואס דעמאלטס קומט מען זיך צוזאם אין שול, און מען זאגט דאס ברבים, וואס דאס האט א געוואלדיגע מעלה.

ווען עס פאדערט זיך, קען מען שוין אנהייבן צו זאגן תיכף נאך מעריב פאר די סעודה, און ענדיגן נאך די סעודה.

* עס ווערט דערציילט אז הרה"ק רבי יוחנן מסטאלין זצ"ל, האט אמאל געזען ווי איינער פון זיינע חסידים האט שוין אנגעהויבן צו זאגן תיקון ליל שבועות נאך פאר עס איז געווארן נאכט, און ווען עס איז געווארן נאכט האט ער שוין געזאגט רוב פונעם תיקון, האט אים דער סטאלינער געזאגט: דו ביסט אזוי ווי דער אראנדער (קרעטשמער) וואס ער האט מורא אז ער וועט נישט אניאגן צו זאגן ויתן לך מוצאי שבת, כאפט ער דעם סידור'ל גלייך נאך די טשולענט פון די בייטאג סעודה, און ער זאגט ויתן לך, און ער וואונטשט שוין, א גוטע וואך, און א געבענטשטע וואך (ברכת אהרן עמוד רכ"ד).

#### דרך הצדיקים

צדיקים האבן זיך געפירט אז גלייך נאך מעריב האבן זיי געזאגט דעם תיקון, און דערנאך האבן זיי געפירט טיש, און אזוי האט זיך געפירט הרה"ק רבי יצחק אייזיק מזידיטשוב זי"ע, און הרה"ק השר שלום מבעלזא זי"ע, און הרה"ק מרוזין זי"ע, און אזוי האבן זיך געפירט אסאך צדיקים.

און אזוי שרייבט דער הייליגער קאמארנער אין זוהר חי: מיין מנהג איז צו זאגן גלייך נאך מעריב די סדר פון תנ"ך

אזוי ווי דער אר"י הקדוש זי"ע האט מתקן געווען, און נאנט צו חצות גיי איך פירן די סעודה. און אזוי האט זיך אויך געפירט רבינו הקדוש זי"ע.

* מען דערציילט אז אמאל ווען דער שר שלום האט געפירט טיש שבועות ביינאכט, ווען מען האט נאך געהאלטן אינמיטן זאגן תיקון ליל שבועות, האט איינער ביי זיך געטראכט, עס איז א פלא אז אינמיטן זאגן דעם תיקון איז דער רבי מפסיק מיט פירן א טיש, דער שר שלום האט תופס געווען זיין מחשבה, און ער האט זיך אנגערופן, "ת'ערוך ל'פני ש'לחן" איז די ר"ת פון "ת'יקון ל'יל ש'בועות", דאס מיינט אז דאס פירן א טיש איז א חלק פונעם תיקון (וכ"כ בספר שיח אבות, לבית קוידינוב לשבועות).

## ד
## שאלה: עס זענען דא וואס רעדן נישט אויס די גאנצע נאכט, פון ווי נעמט זיך דער ענין?

דער הייליגער קאמארנא זי"ע שרייבט אין זוהר חי מיט דעם לשון: מען זאל אכטונג געבן אין די גרויסע ווארענונג וואס דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע האט אנגעווארנט מיט א שטארקע ווארענונג, אז שבועות פון ווען עס ווערט נאכט, ביז בייטאג נאכן זאגן כתר ביי מוסף, זאל מען נישט מפסיק זיין מיט קיין שום רייד וואס זעהט נאר אויס צו זיין איבעריג.

* רבינו הקדוש זי"ע פלעגט זאגן אז דער סבא קדישא זי"ע האט זיך געפירט, אז גלייך נאכדעם וואס ער האט זיך געטובל'ט לכבוד יום טוב, האט ער שוין אויפגעהערט צו רעדן.

### דברים בטלים

איבערהויפט דארף מען נזהר זיין, נישט צו רעדן אין די הייליגע נאכט קיין שום דברים בטלים, אדער וואכענדיגע ענינים, ווי קויפן און פארקויפן, און אוודאי זאל מען נישט רעדן קיין ווערטער פון שחוק וקלות ראש (יעב"ץ יו"ט של עצרת אות י"א).

### רעדן לשון הקודש

דער הייליגער של"ה שרייבט, אז ווען עס פאדערט זיך צו רעדן א וויכטיגע זאך, זאל מען רעדן אויף לשון הקודש (של"ה ריש מסכת שבועות).

**באמערקונג**

די ספרים הקדושים שרייבן אז יעדער זאל דאס טאן מיט דעת, ווייל אויב עס פאדערט זיך צו רעדן מיט די עלטערן, אדער מיט משפחה, אדער מחנך זיין די קינדער, צי ווען איינער פרעגט אים עפעס א זאך וואס עס פאדערט זיך צו ענטפערן, דארף מען רעדן לויט ווי עס פארלאנגט זיך, און אוודאי מעג מען רעדן דברי תורה, און זאגן דברי התעוררות און מוסר.

## ה
## שאלה: וואס זענען די סגולות און תיקונים וואס מען דערגרייכט דורכ'ן זאגן תיקון ליל שבועות די הייליגע נאכט?

די הייליגע ספרים זענען שטארק מפליג, איבער די גרויסע סגולות און געוואלדיגע תיקונים, וואס די הייליגע נאכט ברענגט און איז משפיע, פאר די וואס בלייבן אויף א גאנצע נאכט, און זענען עוסק אין די תורה הקדושה, ווי פאלגענד:

### א) ווערט דערלעבן דאס יאר, אן קיין שום היזק

דער אר"י הקדוש זי"ע שרייבט, אז דער וואס שלאפט נישט אין די נאכט פון שבועות אפילו איין רגע, און ער איז עוסק בתורה די גאנצע נאכט, דער איז פארזיכערט, אז ער וועט דורך לעבן די גאנצע יאר, און עס וועט אים נישט פאסירן קיין שום שאדן, און ער וועט נישט פארשלאפן זיין מזל אין דעם יאר.

### ב) ניצול פון כרת

און ספר קיצור של"ה שטייט, אז דער וואס שלאפט נישט א גאנצע נאכט אפילו איין רגע, טוען אים די מלאכים באקרוינען מיט א כתר תורה, און ער וועט ניצול ווערן פון כרת אין דעם יאר, ווייל די אותיות כת"ר איז כרת.

### ג) זוכה צו קינדער און אייניקלעך תלמידי חכמים

אויך ווערט געברענגט, אז דער וואס איז נזהר און שלאפט נישט אין די נאכט, און ער לערנט תורה נביאים כתובים, דער איז זוכה צו קינדער און אייניקלעך תלמידי חכמים, און מען רופט אויס אויף אים, דעם פסוק "ואני זאת בריתי וכו' ולא ימושו מפיך ומפי זרעך".

## די תיקונים

### א. א תיקון פאר ביטול תורה

עס ווערט געברענגט אין די ספרים הקדושים, אז שבועות ביינאכט, ווערט די וועלט געמשפט אויף די זונד פון ביטול תורה, און אינעם זכות פון לערנען די תורה, קען יעדער מענטש מתקן זיין, וואס ער האט פוגם געווען מיט ביטול תורה א גאנץ יאר.

### ב. א תיקון אויף די נעכט

נאך שרייבן די ספרים הקדושים, אז מיטן לערנען תורה א גאנצע נאכט, ווערט מכופר דאס וואס מען האט פוגם געווען מיט'ן פארברענגען די נעכט פון א גאנץ יאר, נישט ווי עס דארף צו זיין.

### ג. א תיקון פאר די אויגן

און אויך מיט דעם וואס מען טוט זיך אנשטערענגען די אויגן, מיט'ן לערנען די הייליגע תורה במשך די גאנצע נאכט, איז דאס א תיקון אויף דעם וואס מען האט פוגם געווען מיט די אויגן במשך די גאנצע יאר.

## ו
## שאלה: איז דא א קפידא מען זאל לערנען דוקא דעם תיקון ליל שבועות, אדער קען מען לערנען וואס מען וויל?

עס איז א אנגענומענער מנהג, צו לערנען דעם סדר וואס עס שטייט אין תיקון ליל שבועות, וואס עס איז אויסגעשטעלט צו לערנען נאר די ערשטע דריי, און די לעצטע

דריי פסוקים פון תורה נביאים וכתובים א.א.וו., וואס דאס איז מיוסד געווארן דורכן הייליגן אר"י הקדוש זי"ע, און מיט דעם מאכט מען גרויסע תיקונים.

די פוסקים שרייבן, אז מען טאר נישט משנה זיין דעם מנהג, נאר מען זאל לערנען דוקא דעם תיקון ליל שבועות, און נישט ווי די וואס פירן זיך צו לערנען אנדערע לימודים, נאר אויב מען האט שוין געענדיגט, קען מען דערנאך לערנען וואס מען וויל (החיד"א בספרו לב דוד פרק ל"א).

## ז
## שאלה: עס זענען דא וואס לערנען אויך די משניות, און עס זענען דא וואס לערנען נישט די משניות, וואס איז דער ענין?

דער מקור פון לערנען די משניות ביים תיקון ליל שבועות נעמט זיך פונעם של"ה הקדוש, אזוי ווי ער שרייבט: אז נאכן זאגן די פסוקים פון תורה נביאים כתובים, פירט מען זיך צו לערנען משניות, די ערשטע און די לעצטע משנה פון יעדע מסכתא, און ער ברענגט דארט די באקאנטע בריוו פונעם בעל לכה דודי, וואס ער שילדערט וויאזוי ער מיטן הייליגן בית יוסף צוזאמען מיט די גאנצע חבריא האבן אפגעראכטן די נאכט פון שבועות, און דער בית יוסף האט געלערנט משניות, און די שכינה הקדושה האט גערעדט פונעם מויל פונעם הייליגן בית יוסף, און די שכינה הקדושה האט זיי באדאנקט אז זיי אז האבן געלערנט די גאנצע נאכט, און געמאכט א געוואלדיגע נחת רוח פארן אייבערשטן.

אבער דער חיד"א שרייבט אז רבי חיים וויטאל, א תלמיד פונעם אר"י הקדוש, האט געזאגט, אז זיין רבי דער אר"י הקדוש, האט געהאלטן אז שבועות ביינאכט זאל מען נישט לערנען קיין משניות, ביים תיקון ליל שבועות (חיד"א בספר לב דוד (פרק ל"ב).

און אזוי שרייבט אויך דער הייליגער קאמארנא זי"ע אין זוהר חי: מען זאל בכלל נישט לערנען קיין משניות אין די נאכט, מען קען לערנען תורה שבעל פה, יעדער לויט זיין השגה גמרא און זוהר און די אידרא, אבער נישט משניות, און דאס וואס דער בית יוסף האט געלערנט משניות, איז דערפאר ווייל ווי באקאנט האט ער זיך דורכ'ן לערנען משניות מקשר געווען צו די שכינה הקדושה, אבער סתם מענטשן זאלן דאס נישט לערנען.

און ער שרייבט דארט ווייטער: איך האב שוין געהאט אין מיין יונגע יארן א שמועס אין א גרויסע פלפול מיט מיין פעטער מורי ורבי דער הייליגער עטרת צבי זי"ע, וואס ער האט געהאלטן אז מען זאל יא לערנען משניות, און איך האב אים איבערגעצייגט אז מען זאל נישט לערנען, און ער האט מיר נישט געוואלט מודה זיין, דאס אנדערע יאר בין איך אריין צו אים וועגן עפעס א ענין ערב שבועות, און ער האט מיר געזאגט: מיין קינד אייזיק, שוין דרייסיג יאר וואס איך לערן די משניות פון תיקון ליל שבועות, און יעצט בין איך מודה צו דיר, און איך האב שוין אנגעזאגט פאר מיינע תלמידים, אז פון היינט און ווייטער זאלן זיי נישט לערנען די משניות שבועות ביינאכט (זוהר חי בהקדמתו לזוהר הקדוש דף ה').

למעשה דארף זיך יעדער פירן כמנהג אבותיו ורבותיו, אבער כדאי מען זאל זיך נישט דארפן אריינמישן און אזא גרויסע מחלוקת פון א זעלכע קדושים וטהורים, איז די בעסטע עצה, אז מען זאל זאגן די פסוקים פון תנ"ך, און די אנדערע לימודים געלאסן, אזוי ארום וועט מען סיי ווי נישט האבן קיין צייט צו לערנען אויך די משניות.

## לערנען משניות ביי די סעודה

די וואס פירן זיך צו לערנען משניות ביי יעדער סעודה פון יום טוב, קענען לערנען משניות אויך ביי די סעודה פון שבועות ביינאכט, אפילו די וואס זענען מקפיד נישט צו לערנען משניות ביים זאגן דעם תיקון ליל שבועות.

## מאמרי הזוהר, אידרא

מען פירט זיך צו זאגן עטליכע מאמרים פון זוהר הקדוש, און פון די אידרא אפילו מען פארשטייט נישט וואס מען זאגט, ווייל דאס זאגן ברענגט געוואלדיגע תיקונים פארן נפש.

## משלים זיין דעם תיקון בייטאג

ווער עס האט נישט געענדיגט צו זאגן די גאנצע תיקון ליל שבועות ביינאכט, אדער די תרי"ג מצות א.ד.ג., קען דאס משלים זיין בייטאג.






### תיקון המידות
אם האדם רוצה לטהר מדותיו, ולתקן נפשו בתיקון השלם, צריך לייחד לו זמנים להרבות גם באמירת מזמורי תהלים.
(עבו"ע דב"ק ח"ב עמוד ע"ז)

יש בזה לדבר ולהאריך בדרכי העבודה, המתקת הדינים באמירת תהלים, ושירות ותשבחות איך בעשר לשונות נאמר ספר תהלים, כדאיתא בתקונים ביאורם, בתקון י"ג, ובה"ה אמור וכו'. בכל זמר וסימן המתחיל באחד מן עשרה לשונות, כגון "אשרי" שהוא בכתה, ו"שיר" שהוא בחכמה, וב"תהלה" שבבינה, וכן כולם ידע נאמנה הקורה בכוונת הלב, אשר יש כח במזמור הזה לתקן פגם המדה והספירה אשר פגם בה ח"ו. ובלבד שיכוון לבו לשמים, ויגמור ויקרא כל המזמור, ויכוין באמרו ובמחשבתו לתקן מדה זאת אשר פתח בה דוד וציין בראש המזמור. או למנצח שהוא בנצח, או מזמור, סתם זמר בגבורה וכו'. וכל מגמת פניו יהיה בקריאת המזמור, לתקן המדה ההוא.

אז בודאי יהיה לבו נכון בטוח בה', שיהיו לו לרצון אמרותיו לפני אדון כל, וימתקו מעליו כל הדינים והמקטריגים, ויתהפכו למליצי יושר. וישיג מבוקשיו במהרה בקרוב, לכל טוב ורצון, אמת ואמן.
(עטרת צבי ח"א דף קכ"ט)

[בזוהר] (ח"א כג:) בגין דחמא שכינתא הרבה וכו' הוה נטיל צערא בגינהא, לבתר חמא דהדרין ישראל בחדוה תקין עשר מיני נגונין. דוד חזא צער השכינה, נטיל צערא, אחר כך ראה דהדרין ישראל בתשובה, בחדוה ובחסידות יקרעו וישברו אל לבם לאביהם שבשמים, תיקן עשר מיני ניגונין, שעל ידי שירה וזמרה ויחודים, יכוונו לתקן מה שפגמו. "באשרי" יכוין לתקן פגם ה"כתר", והוא מחסרון אמונה. וכשיאמר קפיטל מתחיל ב"שיר" יכוין לתקן פגם ה"חכמה", שחיסר בחכמת התורה. וכשיאמר ברכי נפשי "בברכה", יכוין לתקן פגם "בינה" אם הבנים. וב"מזמור" יכוין לתקן פגם ה"חסד" של אהבות רעות. וב"נגונין" יתקן מה שפגם ב"גבורה", בכעס וביראה רעה מרה שחורה. ובקפיטל מתחיל "הללויה" וכו' יתקן את "תפארת" ישראל, להעלות אל לשמה וכו', הגאוה והגדולה לחי העולמים. "למנצח" יכוין לתקן "נצחים" רעים, שהוא יצר גדול, שיכול בנצחון לטהר הטמא ולהתיר האיסור, ולעבור על כל תורה כולו, כדי לנצח את

# תהלות השם
עניני אמירת תהלים – לכבוד הילולת דוד מלכא משיחא

שכנגדו, וכל זה פגם גדול ונורא. ולכן יקבל על עצמו באמירה זאת, שלא יעשה כן בישראל, ושיודה על האמת וכו'.

וכן ב"הודו" יתקן פגם "הוד", שרודף אחר השבח והכבוד, עד שנעשה פסל ומסכה ר"ל, ולזה יעשה תשובה ויתקן באמירת הודו. ו"רנה" רננו צדיקים וכו' יתקן פגם ה"צדיק" בכל אופן, ולא ירננו אחריו בית ישראל. עשיראה ב"תפלה" נתקן "מלכות" שמים, לקבל דינא דמלכותא באהבה, כי הכל בדין שמים הן דבר קטן הן דבר גדול. ויקבל באהבה, וישפוך שיחו לפני קונו, תפלת "עני", בטל כאין לפני הש"י, בוכה ומבכה שמים וארץ עמו שלא ידחו אותו מאת הש"י, והוא רואה עצמו רחוק מאת הש"י, ובקשתם משם דייקא את ה'.
(זוהר חי ח"א דף פ"ח:)

### נגד חמשה פעמים אור של מעשה בראשית
ה' ספרים שבספר תהלים וכו', סודם ה' פעמים אור דעובדא דבראשית. וכן טעם "תהלים", מלשון אור לו "תהל" אוה.
(עטרת צבי ח"א דף קכ"ט)

[באמירת תהלים] יכוונו בחמשה ספרים, חמשה פעמים אור הנאמר במעשה בראשית, ולזה נקרא ספר "תהלים" מלשון עטישותיו "תהל אור" (איוב מ"א).
(מתוך אגרת העטרת צבי)

שמעתי מאחי אמ"ו (העטרת צבי), שאמר על חמשה ספרים "תהלים", שהם מלשון "תהל" אור.
(תפלה למשה דף צ"ז)

### נגד חמשה חומשי תורה
דוד המלך ע"ה חיבר את חמשה ספרי תהלים נגד חמשה חומשי תורה, שהסתכל באותיות התורה ומהן המשיך את ספר תהלים, וכל קאפיטל שבתהלים יש כנגדו איזה פרשה שבתורה (עי' מדרש שוח"ט א'). והענין בזה, כי כח התורה הוא כח המוחין, כמו שאמרו בזוה"ק (ח"ב קכ"א ע"א) אורייתא מחכמה נפקת, וכשאדם לומד התורה הקדושה מתקדשין המוחין שלו, אבל עדיין אין לו כח להוריד המוחין אל כלי המעשה לקדש מדותיו, ודוד המלך עליו השלום רצה לתקן לבני ישראל כח כזה, שעל ידו יוכלו להוריד כח המוחין אל המדות, לכן הסתכל בכח התורה וממנו המשיך כח המוחין אל המדות.
(עבו"ע דב"ק ח"ב דף ע"ו)

### המתקת הדינים
מי ימלל גבורות ה' ישמיע כל תהלתו (תהלים ק"ו). מרבותי קבלתי פירוש הפסוק, מי ימלל, היינו מי שרוצה למלל ולשבר הדינים, כמו שאומר בזוהר הקדוש מלשון וקטפת מלילות, אז ישמיע כל תהלתו, יקרא ספר תהלים מראש ועד סוף מבלי הפסק, ובזה ממתיק וממלל כל הדינים. וכל אחד לפי כח כוונתו ועומק מחשבתו, וקירת לבו, והכנתו בכל אבריו וחושיו.
(עטרת צבי ח"א דף קכ"ט)

לפעמים אין מועיל תפלה חלילה כי יש עליו קטרוג חלילה ואז צריך לקשרו בעולם הגדול הנקרא תהלה כי תהלה הוא מלשון ואחריו תהל אור כו' (איוב מא, י) כי שם הוא רק אור גדול ואין כח בדין לקטרג שם והוא רחמים גמורים ושם נמתק הכל: ולכך נקראים שירי דוד מלכנו תהלים שיכולין לפעול על ידם הכל ואין שטן ואין פגע רע.
(ליקוטי שושנה ד"ה שירו לה')

אף הישועות הקשות ביותר, אפשר לפעול על ידי אמירת תהלים, כמובא בליקוטי שושנה מהרה"ק הרבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע (ד"ה שירו לה'), כי יש לפעמים שאין מועיל תפלה לפעול ישועה ולהמתיק הדינים מבר ישראל, כי יש עליו קטרוג גדול למאוד, אבל על ידי תהלים יכולין לפעול כל הישועות בכל אופן ובכל מצב, כי על ידי תהלים מתקשרים אל עולם גדול הנקרא "תהלה" שהוא מלשון הפסוק (איוב מא י) "תהל" אוה, כי שם כולו אוה, ואין שטן ואין פגע רע, עכדה"ק. ואחר שרואים דברים קדושים כאלו, האיך נוכל לזלזל באמירת מזמורי תהלים, הרי למשל אם יאמרו לחולה, כי יש רופא שבודאי יוכל לרפאותו ממחלתו, הרי פשוט שירוץ אליו בכל לבו, ויקיים פקודת הרופא בכל כחו ורצונו. וכי יש לנו רופא גדול יותר ממזמורי תהלים, אשר הרבי ר' אלימלך העיד כי בהם אפשר לפעול הכל, ולמה לא ירוץ האדם אל מזמורי התהלים לאומרם בחיות הלב ולשפוך שיחו לפני ה'.
(עבו"ע דב"ק ח"ב דף ר"נ)

### תהלים אף בלא כוונה
אף מי שאינו יודע לכוין את פירוש המלות

שבתהלים, ואינו מרגיש שום טעם באמירת המזמורים, אף על פי כן יאמר התיבות בעל כרחו אף בלי כוונה, עד שבמשך הזמן יזכה להרגיש טעם נעים ומתוק בכל תיבה ותיבה. וכמובא בספר אמרי פנחס להרה"ק רבי ר' ר' פנחס מקאריץ (דף צ"ו), שאחד התלונן לפניו, שאינו יודע לכוון במזמורי תהלהים, ולכן אינו מרגיש מה פועל באמירתם, אמר לו הר"ר פנחס'ל, דכאשר אינו יכול לכוין, יאמר התיבות בכל כחו אף בלי כוונה, ויאמין שכל אות ואות שבספר התהלים נאמרה ברוח הקודש, וכל אות ואות שמוציא מפיו עולה למעלה לפני כסא הכבוד, ובאמונה זו יפעול באמירתו ענינים גבוהים ורמים, אף בלי שום כוונה.

(עבו"ע דב"ק ח"א דף ל"ה)

## העוסק בתהלים כעוסק בתורה

כל הצדיקים והקדושים אשר בכל הדורות היו מרבים מאוד באמירת מזמורי התהלים, אף אותם הצדיקים אשר היו ידועים ביותר לגאונים וגדולים בתורה, אף הם הרבו מאוד באמירת תהלים, ופעלו בזה גדולות ונוראות, כי דוד המלך ע"ה יסד את ספר התהלים הן לאנשים גדולי ערך מאוד, וכמו כן גם לאנשים קטני ערך מאוד, כי ספר התהלים כולל את כל הנשמות, ואת כל הישועות אשר בני ישראל יצטרכו עד סוף כל הדורות, את הכל כלל דוד המלך בספר התהלים שלו.

(עבו"ע דב"ק ח"ב דף רמ"ט)

## היכל מיוחד להעוסקים בתהלים

ספר התהלים נתייסד לכל אדם לפי מדרגתו, שכל אדם לפי דרגתו ומצבו יכול למצוא בה חפץ נפשו, וישנן כאלו שעל ידי ספר התהלים זוכים להתעלות בכל ענינים ולהצליח גם בלימוד התורה ובכל דבר שבקדושה. כמו שהיה מעשה אצל הבעש"ט הק' נבג"מ, שהשתוקק מאוד לראות את הרה"ק ר' נחמן קאסווער זי"ע, כשהיה כבר בעולם העליון, ופעם בקדושת כתר של שבת קודש, גילו לו איזה יחוד שעל ידו יוכל לראות את הרב ר' נחמן, ואחר שגמר הבעש"ט הק' את התפלה וסעדסעודת יום שבת קודש, שכב לנוח כדי לייחד אותו יחוד בתוך שינתו, וכן עשה והעלה נשמתו לעולמות עליונים, ופגש את הרב ר' נחמן קאסוועה, והרב ר' נחמן טייל עמו שם בעולם העליון, והראה לו שיש שם כמה היכלות, ובין השאר הראה לו שיש היכל מיוחד של "תהלים זאגערס", דהיינו היכל לאנשים פשוטים שלא יכלו להתקרב אל השי"ת בעולם הזה על ידי התורה, והתקרבו אליו יתברך בכח אמירת מזמורי תהלים, ועל ידי כח התהלים זכו גם לכתרה של תורה.

הרי רואין מעובדא זו, כי יש היכל מיוחד למעלה בשמים, לאלו שהרבו באמירת מזמורי תהלים בעולם הזה, והתקרבו אל השי"ת על ידי ספר התהלים, כי על ידי אמירת מזמורי תהלים יכול האדם לזכות לכל דבר שבקדושה, ועל ידה אפשר לו להצליח גם בלימוד התורה, ולהתקרב אל השי"ת באמת לאמיתו.

(עבו"ע דב"ק ח"ב דף ע"ו)

## מקרב הגאולה שלמה

הכוונה בדברי המהרש"א אשר כתב במסכת סנהדרין (דף צ"ח ע"א ד"ה עד שתכלה) כי על ידי מזמורי תהלים אשר בני ישראל אומרים בגלות יגאלו מגלותן, והענין בזה כי הגאולה לא תהיה אלא על ידי שנעורר עצמינו לתשובה, שבזה נפעול את תכלית ומטרת היסורין, וספר תהלים הוא המביא את האדם לתשובה שלימה, כי כל ספר התהלים מיוסד לשפוך שיח לפני ה' ולשוב ולהתקרב אליו יתברך בלב ונפש, על כן על ידי אמירת מזמורים אלו תהיה הגאולה, כי אין ישראל נגאלין אלא בתשובה.

(עבו"ע דב"ק ח"ב דף רמ"ט)

## תהלים בשבת

דוד המלך ע"ה ריוהו להקב"ה בשירות ותשבחות. כי דוד המלך ע"ה הוא ג"כ בסוד מדת המלכות, בחינת שבת. ולכן עשה ספר תהלים שירוו כל בני ישראל להבורא ב"ה כביכול בשירות ותשבחות, ולכן צריכים לומר תהלים בכל שבת ולעסוק בתורה ותפלה, ועל ידי זה מעלים מדת המלכות וכו'.

(מגן אברהם פ' אמור)

בעזהשי"ת נהוג אצלינו לומר כל ספר תהלים ביחד ביום שב"ק, וידוע מה שאמרו צדיקים בשם אליהו הנביא זכור לטוב, גודל התיקון הנעשה על ידי זה, וישנם כאלו שאינם רוצים לקיים זאת בלב שלם וברצון טוב, ואינם מבינים למה הנני מרעיש על זה כל כך, מה אומר ומה אדבר, רק זאת אוכל להגיד לכל תלמידי היקרים, בחורים, אברכים, זקנים עם נערים, כי עוד יבוא זמן שתסרטו שערות ראשכם, ותשפכו כנחל דמעה, על שלא שמעתם בקולי לעסוק יותר בספר התהלים בכלל, וביום שב"ק בבוקר בפרט, כי כאשר יבוא בן דוד במהרה בימינו, יקרב ביותר את אלו שהתדבקו בספר התהלים שלו.

(עבו"ע דב"ק ח"א דף ל"ה)

## סיפורים שונים

סיפר הגה"ק מנעשכיז זצ"ל שפעם אחת היה איש אחד העוסק אחר הריחים בכפה, והיה אומר תהלים כל ימיו. וכשנפטר, ראה צדיק אחד שדוד המלך ע"ה יצא עם כנורו לקראתו, והיה מנגן ושמח שמחה גדולה, ע"כ.

(ספר זכרון טוב, אות י"א)

וראוי להזכיר את העובדה הנפלאה דהוה בעיר פולנאה, שהיה שם איש חייט פשוט, שקנה לעצמו חלקת קבר בבית החיים, ונהג להתפלל שם אל ה' ולסיים שם בכל יום ספר תהלים, וגם היה מקיף את המקום במטבעות, ואחר כך חילקם לצדקה. כאשר בא הרה"ק רבי יהודה לייב מוכיח ז"ל לשמש ברבנות בעיר פולנאה, ראה אור גדול מאיר במקום חלקת קבר ההוא, ושאל למי שייך חלקה זו, ואמרו לו לחייט פלוני. קרא את החייט, וביקש שרוצה להיקבר סמוך לו, אמר שאם כן לא יהיה מקום לו להיקבה, והבטיח לו המוכיח שיהיה מקום לשניהם, ונתן לו על זה כתב כתוב וחתום, והסכים. רבי לייב מוכיח נסתלק לפני החייט, והניחוהו במקום ההוא.

אחר כך בא הרה"ק בעל תולדות יעקב יוסף זי"ע לשמש ברבנות בעיר פולנאה, וגם הוא ראה אור גדול על מקום חלקת קבר ההוא, וגם הוא חקר אחר הדבה, וביקש גם הוא מן החייט שיתן לו להיקבר שם, והבטיחו גם הוא כי בל יפקד מקומו בעבור זה, ונתן לו על זה שטר כתוב וחתום, וגם הוא נסתלק לפני החייט, והניחוהו שם.

כאשר נסתלק החייט אחרי כמה שנים, לא היה שם מקום לקוברו, והביאו את השטרות, וקראו אותן ליד קברות שני צדיקים, וראו בחוש היאך כותל האוהל מזיז לצדדים, ונעשה מקום חדש לקבורת החייט. ועד לפני המלחמה האחרונה ראו כי אותו קיר של האוהל עומד משופע ממעל לקבורת החייט. וגם כהיום אפשר להשתטח על המקום הקדוש הזה, ששלשתן טמונים יחד.

הרי לנו מזה גודל כח אמירת מזמורי תהלים, ששני צדיקים ראו אור גדול מאיה, במקום שאיש פשוט עסק באמירת מזמורי תהלים, וקיים מצות צדקה, ומפני כך ביקשו להיקבר שם, כי באמירת מזמורי תהלים ממשיכין אור גדול מבחינת ציון וירושלים.

(עבודת עבודה פתגמ"ק, ח"ב דף שע"ד)

## ובשירי דוד עבדיך נהללך

# אור שבעת הימים

ליקוט נפלא על גדולתו וקדושתו ותורתו
של רבינו אור שבעת הימים מרן הבעש"ט
הק' זי"ע מספרי דבי רב
ל_רגל_ היומד"ל_ קדישא שחל_
ביום א' דחג השבועות הבעל_"ט

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **שלום געלבמאן** הי"ו (מאנסי)
לרגל שמחת הכנסת בנו הב' יושע משה נ"ו לעוהתו"מ למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## גדולת הבעש"ט הק'

### הבעש"ט הק' האיר תבל ומלואה

הוא הקדוש (הבעש"ט הק') האיר תבל ומלואה, ואנשים אשר זכו לשבות בצל קורת הבעש"ט הק' נטהרו על ידו מכל נגעי הנפש, והאיר להם דרך בעבודת השי"ת על כל ימי חייהם, "ער האט אויסגעוואשן און אויסגעארבעט די וועלט", העלה כל תפלות בני ישראל אשר לא עלו עדיין, ואפילו תפלות מלפני מאות שנים מקודם, שלא היתה להם עלי' עד אז, נתעלו על ידו.

(שיח"ק ח"א שס"ב)

### הס"מ רצה למנוע שלא ירד נשמת הבעש"ט הק' לעולם אבל כח הקדושה התגברה

טרם ירדה נשמתו בעולם, עשה הס"מ כמה מיני טצדקאות למנוע נשמתו מלירד, בטענה שעל ידו תהא התגלות גדולה מאוד בעולם ויתבטל כח הס"מ מכל וכל, אבל צד הקדושה התגברה ופעלו להוריד נשמתו, אבל הבטיחו להס"מ שעד היות הבעש"ט בן ל"ו שנים לא יתגלה שמו, לכן היה גולה עד אז ממקום למקום, והרים לבבות בני ישראל לאבינו שבשמים באופנים נסתרים, שהלביש והסתיר את עצמו בכמה מיני לבושים שלא יכירו פעולותיו, וכך טיהר את אויר העולם.

(שיח"ק ח"ב ת"ל)

### הבעש"ט הק' האיר לבות בני ישראל עד סוף כל הדורות

הבעש"ט הק' האיר עולם ומלואו "ער האט געלאכטן און געלאכטן" והאיר לבות תלמידיו ולבות כל בני ישראל עד סוף כל הדורות.

(שיח"ק ח"ג ש"א)

### הבעש"ט הק' המשיך את האור אשר יאיר באלף השביעי

וזהו הענין מה שראו אצל תלמידי בעש"ט הק' אותות ומופתים כאלה, וגילוי אלקות, אשר לא ראו מימות התנאים והאמוראים, אף שהיו בעולם הרבה צדיקים וגאונים, כולם קדושים כולם טהורים, אבל באופן נעלה כל כך, במדריגות וגילויים כאלה, לא ראו אלא אצל הבעש"ט הק' ותלמידיו הק', וטעם הדבר, כי להם ניתן מן השמים כח להמשיך את האור מימות המשיח, יום שכולו שבת, יום שכולו טוב, כמו שמצינו ענין כזה באסתר המלכה וכו'. והענין הזה כמו כן היה אצל הבעש"ט הק' ותלמידיו שבהיותם קרובים מאוד אל ימות המשיח, ניתן להם רשות לשאוב וליהנות מן האור אשר יאיר באלף השביעי, ובכח זה האירו פני תבל אף בעת התגברות החשכות בעקבתא דמשיחא, ולכן ראו אצלם גילויים כאלה אשר לא ראו בשאר צדיקים וגאונים קדושי ארץ.

(דב"ק ח"א רע"ח)

### דברי רביה"ק מהרי"א מקאמארנא זי"ע כשמדבר ממרן הבעש"ט זי"ע

וראוי לעיין הרבה בדברי קדשו של הרה"ק מקאמארנא זי"ע, היאך מדבר ומספר מהבעש"ט הק', והיאך מזכיר את שמו של הבעש"ט הק' בכמה מיני לשונות של געגועין, כגון בספרו הק' נוצר חסד כותב בזה"ל: ומרן אלקי קודש הקדשים אור שבעת הימים רבינו הקדוש אשר החיה את נפשינו, וגאל אותנו מן היצר ומרשת הסטרא אחרא וכו', ודיבק נפשנו באור עליון אור החיים, רבינו אור נפשינו הרב ישראל בן אליעזר, עפר ואפר אני תחת כפות רגליו אם אזכה, והלואי שאזכה להיות אפר תחת כפות רגליו. עכלה"ק.

(שיח"ק ח"ג ש')

### הבעש"ט הק' אמר על עצמו שהיה יכול לעלות חי לשמים כמו אליהו הנביא

דער בעש"ט הק' האט זיך דאן אזוי אויסגעהארעוועט אז ער איז געווען ממש כולו רוחני, ער האט שוין נישט געהאט קיין שום שייכות מיט דער וועלט, ער האט אליין געזאגט אז ער וואלט נישט געדארפט ליגן אין קבר, נאר ארויפגיין בסערה השמימה אזוי ווי אליהו הנביא, נאר ער וויל דאך דורכגיין דאס וואס דער פסוק זאגט כי עפר אתה ואל עפר תשוב.

(אמ"ק ח"א קע"ו)

### בעת שהבעש"ט הק' אמר ד"ת ניגשו התלמידים אליו לראות אם הוא לבוש בגוף

בשעה שהבעש"ט הק' השמיע דברי תורה, ניגשו התלמידים אליו לראות אם הוא לבוש בגוף של בשר ודם, כי מי שאומר דברי תורה נוראים כאלו, אי אפשר שיהי' ילוד אשה, אלא מלאך ושרף.

(שיח"ק ח"ב תל"א)

### בתפלת מנחה בערב שב"ק העלה הבעש"ט הק' ותיקן אלפי אלפים נשמות

בתפלת מנחה של ערב שב"ק, עמד הבעש"ט הק', כמה שעות בתפילת שמונה עשרה, ובפרט בברכת מחיה המתים, ואמר הטעם כי בערב שב"ק בעת המנחה הוא זמן תיקון ועליית הנשמות למעלה, על כן בברכת מחיה המתים מבקשים ממנו אלפי אלפים נשמות שיתקנם, ולכן הוא מאריך בברכה זו עד שמתקן את כולם.

(שיח"ק ח"א שס"ג)

### הציצית נתקבצו כדי שלא להפסיק הבעש"ט הק' באמצע התפלה

כשהגיע הבעש"ט הק' בברכת אהבה רבה לתיבות "מארבע כנפות הארץ", אשר אז צריכין לקבץ הציצית ביד, באו הארבע ציציות של טליתו אל ידו מעצמם, ולא היה צריך להטות את עצמו כדי לקבצם, כדי שלא יצטרך להפסיק מדביקותו באמצע

התפלה לקבץ הציצות.

(שיח"ק ח"א קי"ח)

### י"ג שבחים נגד י"ג תיקוני דיקנא קדישא

בעת שהבעש"ט הק' אמר הי"ג שבחים שבברכת ישתבח, נתחלק דיקנא קדישא דיליה לי"ג שורות, כי הי"ג שבחים הם נגד הי"ג מכילין דרחמי, שנקראין י"ג תיקוני דיקנא קדישא, ודיקנא קדישא של הבעש"ט נעשה דוגמת תיקוני דיקנא קדישא דלעילא.

(שיח"ק ח"ב ו')

## דרך הבעש"ט הק'

### עד היום הזה כשיהודי נותן "ערליכער קרעכץ" להשי"ת, הוא בכח הבעש"ט הק'

וכח תורתו יגן לנו ויאיר עינינו עד ביאת מלכא משיחא, כמו שאמר הרה"ק רבי ר' מרדכי'לע מטשערנאביל זי"ע בלשונו הק': "איך בין מבטיח, אז ביז משיח'ס טאג, אז א יוד וועט נאך געבן א ערליכן קרעכץ פארן אייבערשטן, איז דאס אלעס נאר אינעם כח פון בעל שם".

(דב"ק ח"א ל"ג)

### מיום שירד הבעש"ט לעולם, פסקו בשמים שהלכה כמותו ודרכו הוא דרך האמיתי

אף שלפני הבעש"ט היו דרכים שונים בעבודת ה', אבל מיום שירד הבעש"ט הק' לעולם, פסקו בשמים הלכה כמותו, ודרכו הוא דרך האמיתי, ועל ידי דרך זה דייקא תבוא הגאולה, כמו שאמר משיח אל הבעש"ט הק', שכאשר יפוצו מעיינותיו חוצה, ובני ישראל יעבדו את ה' על פי דרכו, אזי יבוא לגאלנו, וכל הצדיקים וכל הגאונים שאחרי הבעש"ט הק', כולם צריכים להתבטל ולהכניע מפניו, ומי שאמר כהלכה אפילו תשעים ותשעה אומרים דלא כוותיה, כולם בטלים קמיה.

(פתגמ"ק ח"א רפ"א)

### דרך הבעש"ט הק' חי וקיים אתנו, ונכתב על הספרים, ועלינו לעסוק לקיימם בפועל

ודרכו הקדוש חי וקיים אתנו, והוא כתוב על הספר בדיו בספרי תלמידיו הק' שמדריכים ומסבירים כל אחד על פי אופנו, היאך נוכל להתקרב אל ה', ולקרב הגאולה על ידי מעשינו, ועלינו לעסוק בדבריהם ולקיימם בפועל.

(פתגמ"ק ח"א נ"ג)

### הדרך הבעש"ט הק' נתייסד לכלות את הכחות הרע המתגברים בעיקבתא דמשיחא

בפרט כאשר עוסקים בתורה ועבודת התפלה בדרך אשר הבעש"ט הק' הדריך אותנו, אשר דרך זה נתייסד לתכלית זו, להכניע ולכלות את הקוצים והכחות הרע של עשו המתגברים בעיקבתא דמשיחא, וכל המעיין בספרי תלמידי הבעש"ט הק' ובא לעבוד את ה' בדרך הזה, אור קדושת הבעש"ט הק' מאיר עליו ומסייעו בעבודתו, שיוכל להכניע כחו של עשו אשר בקרבו, כי דרכו קדושת הבעש"ט חי וקיים לעד.

(פתגמ"ק ח"א פ"ד)

### הדרך החסידות הציל את קדושת בני ישראל, ואותן שלא הלכו בדרך הזה לא החזיקו מעמד

בכל דור ודור ישנם צדיקים המדריכים וממשיכים דרכי תלמידי הבעש"ט הק', כי כחן של צדיקים לא יתבטל לעולם, וכן כחם ואורם של הצדיקים אשר כבר היו, יאירו עד סוף כל הדורות, כי היאך יוכל דבר נצחי להיפסק, ולא עוד אלא עיקר דרכו ועבודתו של הבעש"ט הק' היתה כדי להציל את הדור הזה של עיקבתא דמשיחא, וכן אנו רואים בחוש כהיום, כי רק דרך החסידות הציל את קדושת בני ישראל, כי אותן אשר לא הלכו בדרכי העבודה של תלמידי בעש"ט הק', לא החזיקו מעמד במשך הדורות, ולא נשאר בהם עבודת אמת כי אם מעט מן המעט, ואם כן היאך יעלה על הדעת לומר כי בדור הזה יפסק כח זה, וזהו כחו של היצר המפתה את לבבות בני אדם לומר כן, כי בזה פוטרים את עצמם מן העבודה הפנימיות, באומרם "ס'איז שוין אזא וועלט ליידער, אז מ'קען שוין נישט טון אין דעם", ולכן הם מסתפקים במועט לקיים המצות רק מן השפה ולחוץ רחמנא לצלן.

(דב"ק ח"ב רצ"ג)

### אם נמשיך לילך בדרך הבעש"ט הק' יש לנו כח להמשיך יותר ויותר מן האור אשר יאיר באלף השביעי

וזהו חיזוק גדול לדורותינו אלה, כי אף שחשכת הגלות כיסתה את פני ארץ, אבל כל כמה שהחשכות הולכות ומתגברת, הרי זה מורה שאנו מתקרבים יותר לימות המשיח, ואנו קרובים ביותר לעת קדרותא דצפרא, ואם כן, אם נמשיך לילך בדרך הזה וביסודות אלה אשר הבעש"ט גילה לנו, יש לנו כח להמשיך בדור הזה יותר ויותר מן האור אשר יאיר באלף השביעי, כי אורו של משיח הולך ומתגבר בכל יום יותר ויותר, לכן בחשכות הגלות המה, עלינו להתאמץ ביותר להמשיך להתנהג על פי היסודות אשר הבעש"ט הק' גילה לנו, ולהתחזק בכח האחדות וההתאספות אשר הבעש"ט הק' הרחיב והנהיג בין תלמידיו, ובכח זה נזכה לטהר נפשינו מכל זוהמא וחטא.

(דב"ק ח"א רע"ט)

### על ידי דרך הבעש"ט הק' תהי' הגאולה השלימה

ועל ידי הדרך הזה אשר הבעש"ט הדריך אותנו, ועל ידי היסודות שהוא תיקן, באותן הדרכים ובאותן המנהגים והנוסחאות אשר הנהיג את תלמידיו, בכח זה תהי' הגאולה שלימה, כידוע מה שכתב הבעש"ט הק' במכתב לגיסו הרה"ק ר' אברהם גרשון מקיטוב זי"ע, ומובא בספר הק' דגל מחנה אפרים, שבראש השנה שנת תק"ז עשה עליית נשמה, ומצא שם את משיח צדקינו ושאלו "אימתי אתי מר" השיב לו: בזאת תדע, בעת שיתפרסם לימודך ויתגלה בעולם, ויפוצו מעיינותיך חוצה.

## תורת הבעש"ט הק'

### מי שאינו מאמין בתורת הבעש"ט הק', כאילו ח"ו אינו מאמין בתורת משה

[זאת הוא מצות יחוד ה'] כפי אשר ביאר לנו הבעש"ט הק' שדבריו הקדושים הם כתורת משה וכתורת ה', כי הבעש"ט הק' קיבל כל תורתו מפי אחיה השילוני הנביא, שהוא קיבל כל תורתו מפי משה רבינו ע"ה שקיבל מפי הקב"ה בעצמו, ואחיה השילוני היה גם רבו של אליהו הנביא זל"ט, כמו שכתוב כל זה בספה"ק תולדות יעקב יוסף, ומי שאינו מאמין בדבריו הק', הרי זה כאילו ח"ו אינו מאמין בתורת משה.

(דב"ק ח"א קפ"ז)

### הבעש"ט הק' לימד אותנו כי כל יהודי פשוט יכול להתקרב לה'

ולכן ריחם הקב"ה על עמו ישראל, והוריד

לנו את נשמות אור שבעת הימים, אור אלקי הבעש"ט הק' נבג"מ, שהוא הרחיב וביאר את שבילי הזוה"ק ולימד אותנו כי כל אחד ואחד מישראל, אף אם אינו בעל מוח גדול, ואף שאינו רב ורבי או צורבא מדרבנן, אלא כי יהודי פשוט כפי פשטותו הגדול לפי גדלו, וקטן לפי קטנו, כל אחד יכול להתקרב אל השי"ת, ולטהר ולזכך נפשו מכל זוהמת וכוחות היצה, והוא הקדוש האיר וגולה לבני ישראל את דרך התשובה, היאך יזכה האדם לגאול נפשו מגלות היצר.

(דב"ק ח"ב י"ג)

## הבעש"ט הק' הראה שבכח העבודה יכול אפי' "דער פראסטער שוסטער און שניידער" להתקרב אל השי"ת

אויף דעם איז דער בעש"ט הק' אראפגעקומען אויף דער וועלט, ער איז געקומען ווייזן אז ס'ווענדט זיך נישט נאר אין דעם אליין וואס דער מענטש האט א גרויסן קאפ און פארשטייט גוט לערנען, מיט דעם אליין קען ער נאכנישט צוקומען צום אייבערשטן, נאר דער עיקר פון א יוד ווענדט זיך לויט וויפיל ער איז זיך מייגע, לויט וויפיל ער ברעכט זיך פארן אייבערשטן, דער בעש"ט הק' האט געוויזן אז מיטן כח העבודה קען אפילו דער פראסטער שוסטער און שניידער אויך צוקומען צום אייבערשטן, אפילו דער נידריגסטער מענטש, די קלענסטע נשמה, קען דורך יגיעה צוקומען צו דאס העכסטע, ווייל דייקא די יגיעה איז מקרב דער מענטש צום אייבערשטן.

(אמ"ק ח"א ר"ד)

## אמונה פשוטה "איך בין א נאַר און איך גלייב"

וידוע כי הבעש"ט הק' אמר פעם על עצמו, כי אחר כל המדריגות שהשיג, לא עבד את ה' אלא באמונה פשוטה, ובזה"ל אמר "איך לאז אפּ אלע מדריגות, איך בין א נאַר און איך גלייב". ואין בכח שכלנו להשיג המדריגות הגבוהות אשר הבעש"ט הק' זכה להן, אשר דר בשמים ובארץ, ובכל זאת, העבודה של "אמונה פשוטה", היתה חשובה בעיניו יותר מכל המדריגות שהשיג, כי כח האמונה פשוטה שהאדם מאמין בה' בתמימות, עולה על כולנה.

(שיח"ק ח"ב ש"ח)

## הבעש"ט הק' פעל בשמים שמי שהולך במקוה בכל יום, נחשב המקוה כתענית

דער בעש"ט הק' האט פאראורבעט מעשים וועגן דעם ענין פון מקוה, ער האט געזאגט: איך האב געפועל'ט ביים אייבערשטן אז איינער וואס גייט יעדן טאג אין מקוה, ווערט עס גערעכנט ווי ער האט געפאסט יענעם טאג. אלע תלמידים ברענגען דאס נאך, און זיי ברענגען אז דער בעש"ט הק' האט געהאט א געוואלדיגע שמחה פון דעם אז ער האט דאס געפועל'ט, ווייל אזוי קען א מענטש זיין א גאנץ לעבן אין די בחינה פון א תענית, און מ'וועט שוין נישט דארפן פאסטן קיין איבריגע תעניתים, וואס דאס שוואכט אפּ דעם מענטש און שטערט שטארק פאר עבודת ה'.

(אמ"ק ח"ב קצ"ו)

## הבעש"ט הק' הורה לנו כי ע"י עבודת התפלה מקריבים את הגאולה השלימה

עוד יסוד גדול הורה לנו הבעש"ט הק', כי עיקר קירוב הגאולה תלוי בעבודת התפלה, והוא האיר לנו הדרך היאך להתדבק באותיות התפלה, והיאך אפשר לאדם להרגיש חיות ה' בעת התפלה, וכן גילה לנו חיות ופנימיות של כל המצות, והורה לנו כיצד לקיים המצות בכוונה שלימה וחיות פנימיות.

(שיח"ק ח"ב ט')

## עצה מהבעש"ט הק' שלא להיות להס"מ אחוזה בהתפלה, ללמוד תיכף אחר התפלה

וכענין זה כתב בספר הק' דגל מחנה אפרים בשם הבעש"ט הק', לענין התפלה שבכל יום, דכיון שהאדם מתלהב בתפלותיו, החיצונים מתגרים בו, ומנסים להביאו לידי אש זרה, על ידי כעס והקפדה, או מדה רעה אחרת, ובזה תהא להם אחוזה בתפלתו, ולכן צריך האדם שמירה יתירה אחר התפלה, והעצה לזה אמר הבעש"ט הק', לעסוק בתורה תיכף אחר התפלה, והתורה תשמר בו, שלא תהא להחיצונים יד וחלק בעבודתו.

(פתג"ק ח"ב שפ"ד)

## קדושת החסידישע לבוש

ומטעם זה תיקן הבעש"ט הק', והנהיג לעיקר ויסוד גדול, ענין קדושת הלבוש, להתלבש על פי דרך החסידות, בלבוש המקובל אצל החסידים דייקא, ותלמידיו הקדושים בכל דור ודור מסרו נפשם שלא לשנות את הלבוש הישן אף בזיז כל שהוא. והענין בזה, כי מלבושי החסידים מיוסדים באופן זה להיות משונה ומובדל ממלבושי הגוים ומנימוסיהם מכל וכל, וזהו שמירה וחומה לאדם, שלא ימשך להתערב בגוים, ושלא יעלה בדעתו למצוא חן בעיניהם ח"ו, כי המלבוש המיוחד לישראל שנאוי בעיני הגוי, כי הלכה היא בידוע שעשו שונא ליעקב, לכן קדושת הלבוש המיוחד לבר ישראל דייקא, היא חומה המפסקת ומבדלת בין ישראל לעמים.

(דב"ק ח"א ס"ד)

ובאמת עד כמה שנספר מגדולת וקדושת הבעש"ט הק', ועד כמה ששכלנו מסוגל להבין ולהשיג, לא נגיע להשיג אף אפס קצהו, כי מי יוכל להשיג רוממות קדושתו של ילוד אשה שזכה להיות כמלאך אלוקים ממש, ובכל רגע ורגע ייחד יחודיו הקדושים.

וצדיקים אמרו על נשמת הבעש"ט הק', כי רק פעם אחת לאלף שנים אפשר לנשמה גבוהה כזו לירד לעולם, והקב"ה שלח נשמתו הדין בעיקבתא דמשיחא דייקא, כדי להאיר עינינו בחשכות הגלות להורות לנו הדרך היאך לקרב ביאת משיח צדקינו.

(שיח"ק ח"ב ח')

## ענין התאספות בעריכת השלחנות בשב"ק

איז דאך א געוואלדיגע זאך, קינדערליך, דער ענין וואס דער בעש"ט הק' האט איינגעפירט מ'זאל זיך צוזאמען קומען ביי די טישן שבת קודש, ווייל ווען ס'קומט דער הייליגער שבת, וועקט זיך דער מענטש אויף פון שלאף, ער הייבט אן צו טראכטן, וואס טוט זיך מיט מיר, איך בין דאך א גאנצע וואך פארפירט געווארן פון די כחות היצה, וויאזוי קען איך ארויסקריכן פון די אלע זאכן, וויאזוי קען איך ווערן א יוד, איז די ערשטע זאך, זיך צו נעמען צו אחדות, מ'זאל זיך כולל זיין מיטן כלל ביי די תפלות ובפרט ביי די סעודות פונעם הייליגן שבת מיט דעם כח אליין קען מען צוקומען צו ווערן געטריי צום אייבערשטן.

(אמ"ק ח"א רפ"ט)

## בכל החפצים של האדם ישנן ניצוצי הקדושה, ומעלה אותן בזה שמשתמשים בהם לשם ה'

וכדאיתא מהבעש"ט הק', כי בכל החפצים אשר האדם משתמש בהם, בשלחן שיושב לפניו, ובכסא שיושב עליו, וכן בשאר כל חפציו, ישנן ניצוצי קדושה השייכים אליו, ובזה שמשתמש בהם לשם שמים הוא מעלה אותם למעלה, וגם זה נקרא עסק התורה שעוסק בכל חפציו לתורה ומצות ולתיקון העולם, וכמו שאמר הכתוב והארץ נתן לבני אדם, שהקבר"ה נתן את הארץ ביד האדם, ולא כדי לעסוק לגרמייהו, אלא כדי לתקנה.

(שיח"ק ח"ג ש"פ)

## קדש לי כל בכור, להקדים את כח הקדושה לכח הס"מ בכל ענין

ומה היא התקנה לאדם, כי אף כאשר מתעלה בתורה ועבודה יוכל לנצח את כח היצר עליו, על זה איתא עצה נפלאה בשם הבעש"ט הק', שהאדם יקדים בכל דבר את כח הקדושה על כח הסטרא אחרא, והבעש"ט הק' רמז ענין זה בפסוק קדש לי כל בכור, שצריך האדם לקדש כל ענין ראשון, כגון בשעה שקם בבוקר יחשוב מיד בגדולת הבורא, ובזה יקדש מחשבתו הראשונה, וכן יקדש דיבורו הראשון ומעשהו הראשון, וכיון שהמשיך על עצמו השראת השכינה מיד בקומו בבוקה, אין ליצרו עוד מקום לשרות בקרבו, כי הקדים את כח הקדושה לפני כח הרע, וכן צריך להתנהג בכל ענין.

(פתג"ק ח"ב ק"ט)

## סגולה גדולה מהבעש"ט הק', שלא לסוח דעת מהשי"ת, להיות מורגל בלשון הפייטן "הודאי שמו כן תהלתו"

ואיתא בשם הבעש"ט הק' עצה טוב, שיהי' מורגל בפי האדם לומר לשון הפייטן "הודאי שמו כן תהלתו". ובכל עת פנוי יחזור על לשון זה, וזהו סגולה גדולה שלא יסיח דעת מגדלות ה' אף רגע.

(פתג"ק ח"א קי"ז)

## הבעש"ט הק' הנהיג שאדם יהי' נכנע להמנהיג שלו, שעי"ז יהי' נשמר מדעות עקימות

דאס איז אויך דער ענין וואס דער בעש"ט הק' האט איינגעפירט, אז יעדער זאל זיין נכנע צו דעם צדיק צו דעם מנהיג, צו וועמען ער פארט, און דער בעש"ט הק' האט געלערנט אז דורכדעם קען דער מענטש זיין אפגעהיטן נישט צו צוקומען צו קיין קרומע דעות.

(אמ"ק ח"ב קפ"ו)

## הבעש"ט הק' לימד תמיד את תלמידיו שהרואה חסרון בחבירו דומה למסתכל במראה

הבעש"ט הק' לימד תמיד את תלמידיו שכאשר אדם רואה חסרון בחבירו הרי זה דומה למסתכל במראה, שמראים לו בזה מן השמים, שאותו חסרון נמצא בו, והוא צריך לשוב על זה, ואת חבירו ידין לכף זכות, ורק אחר שדן אותו לכף זכות, וראה את החסרון בעצמו, מצוה לעורר את חבירו על החסרון שראה בו.

(פתג"ק ח"א קס"ח)

## הבעש"ט הק' אמר טעם איחור ביאת משיח, לפי שאין מאריכין בברכת אהבה רבה

ואיתא בספר תולדות יעקב יוסף וזלה"ק: וכמו ששמעתי בשם מורי (הבעש"ט הק') מה שנאמר לו מן השמים טעם איחור ביאת משיח, שאין מאריכין באהבה רבה עכ"ל. והטעם כי ברכה זו מיוחדת להשתפכות הנפש לבקש על אהבה ויראה לדביקות בפנימיות הלב, והאר עינינו בתורתיך, היינו עיני השכל, לא ללמוד סתם בלי קדושה ח"ו, ודבק לבנו במצותיך, שעבודתינו תהא בדביקות דייקא, ויחד לבבנו לאהבה וליראה את שמך, וכן התפלה כולה.

(שיח"ק ח"א ל"ו)

## סיום שיח"ק לפני חג השבועות

לכן יהי רצון שזכות הבעש"ט הק' שנסתלק ביום הזה, אשר בחיים חיותו מסר נפשו בפועל להביא הגאולה, יגן עלינו שאכן בחג הקדוש הזה נזכה לזה, ותגלה ותראה מלכותו עלינו בזמן קרוב, ויקוים בנו מה שמתפללים, יראו עינינו וישמח לבנו ותגל נפשנו בישועתך באמת באמור לציון מלך אלוקיך.

(שיח"ק ח"ג ש"פ)



המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ח ר' **יצחק זאב ארגעל** הי"ו (בארא פארק)
לע"נ אביו הרה"ח ר' משה ב"ר צבי מרדכי ע"ה - יארצייט ט' סיון
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק רבינו יצחק אייזיק מזידיטשוב זי"ע

**דעם קומענדיגן מאנטאג נשא, ט' סיון הבעל"ט, געפאַלט אויס די יומא דהילולא קדישא פון הרה"ק רבי אייזיק'ל מ'זידיטשוב, רבינו יצחק אייזיק בן רבי ישכר בעריש זי"ע.**

### ואלה מתולדותיו

דער הייליגער רבי אייזיק'ל זידיטשובער זי"ע איז געבוירן געוואָרן אין יאר תקס"ה, צו זיין הייליגן טאטע הרה"ק רבי ישכר בעריש מ'זידיטשוב זי"ע.

רבי אייזיק'ל איז געווען אַ תלמיד פון זיינע גרויסע פעטער'ס דער הייליגער עטרת צבי זי"ע און פון הרה"ק ר' משה מ'סאַמבור זי"ע.

ער איז געווען מפורסם מיט זיין גאונות עצומות אין נגלה און אין נסתר, פילע רבנים און גרויסע צדיקים האבן זיך פאַררעכנט פאַר זיינע תלמידים אין צוגאב פון די טויזענטער חסידים וואס פלעגן קומען ווילן בצילו, צו נשפע ווערן מתורתו הקדושה.

רבי אייזיקל מיט זיין גרויסע הייליגע קדושה איז פאררעכנט געוואָרן ווי דער ממלא מקום פונעם הייליגן עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע.

איבער זיין גרויסקייט און הייליגקייט דערציילט רביה"ק זי"ע אין עבו"ע (שיח"ק ח"א ש"ג), אז אין הימל פלעגט מען אויסרופן: **"יצחק אייזיק בן עטיא לערנט תורה לשמה"**.

זיין הייליגע עבודה איז געגאנגען אויף אזוי ווייט, אז רבי אייזיק'ל האט פאַרמאגט אַ פונקטליכער חשבון וויפיל ווערטער ער רעדט טעגליך ארויס פון מויל. יעדע נאכט האט ער אָפּגעציילט וויפיל ווערטער ער האט יענעם טאג אַרויסגערעדט פון זיין הייליג מויל, און אזוי געמאַכט דערויף אַ חשבון הנפש. עס זענען אפילו געווען טעג וואס רבי אייזיק'ל האט אינמיטן טאָג אויפגעהערט צו רעדן, און די ארומיגע האבן פארשטאנען אז די צוגערייטע מאָס פון ווערטער איז שוין אויסגעלאָפן פאר דעם טאָג.

רבי אייזיק'ל האט מחבר געווען הייליגע ספרים וועלכע טראָגן א באזונדערע הייליגקייט, ווי לערנענדיג דערינען איז מען זוכה מברכת צדיק צו פועל'ן א ישועה בכל ענינים.

עס ווערט דערציילט, אז איינמאל ווען איינע פון די גרויסע צדיקים האָט זיך געוויטיגט אין א רפואה, האט ער געשיקט א קוויטל צום הייליגן רבי אייזיק'ל. האט רבי אייזיק'ל גענומען דעם קוויטל, און עס אריינגעלייגט אין זיין ספר, און זיך אנגערופן זאגענדיג: **'פון דעם ספר קען יעדער האבן א ישועה בבני חיי ומזוני'.**

> בעת שהיה לו להרה"ק רבי יצחק אייזיק מ'זידיטשוב זצ"ל ענין קשה בזוהר הקדוש, השכיב ראשו וידיו הקדושים על קופת רבי מאיר בעל הנס, באומרו: כאן שורה קדושת ארץ ישראל, על ידי הצדקה לתלמידי חכמים ועניי ארץ ישראל, ואוירא דארץ ישראל מחכים. ושפתי צדיק ברור מללו, כוחה של קופסת הצדקה לעילוי נשמת רבי מאיר בעל הנס, ועל ידה מכניס כל יהודי בביתו קדושת הארץ.

פאַלגענד זענען די הייליגע ספרים וואס ער האט מחבר געווען: 'פירוש מהרי"א' - אויף מדרש רבה. 'לקוטי מהרי"א'- על ילקוט שמעוני.

אזוי אויך אינעם ספר 'ילקוט מהרי"א' איז צוזאַמגענומען געווארן פילע ענינים תולדות וסיפורים פון רבי אייזיק'ל.

רבי אייזיק'ל איז נסתלק געווארן אום ט' סיון אין יאר תרל"ג, און איז געקומען למנוחת עולמים אינעם שטאָט זידיטשוב.

### דער ממלא מקום פונעם פאטער

דער ראַפּשיצער רב זי"ע איז אַמאָל געווען אין זידיטשוב ביים הייליגן עטרת צבי, דארט איז אויך אָנוועזנד געווען דער ראַפּשיצער רב'ס זוהן, רבי אליעזר'ל דזיקוב'ער, האט דער ראַפּשיצער רב געפרעגט פון זיין זוהן רבי אליעזר'ל, וואס קלערסטו ווער וועט זיין דער ממלא מקום פון אט דעם צדיק - ווייזענדיג אויפן עטרת צבי, - האט רבי אליעזר'ל געענטפערט אז 'רבי יצחק אייזיק מ'זידיטשוב', ער וועט זיין דער ממלא מקום פונעם עטרת צבי, האט דער ראַפּשיצער רב געענטפערט, 'דו ביסט אַ קלוגער און האָסט גוט צוגעטראָפן'!

### ווילאנג קען מען אויסהאלטן א פייער

רבי אייזיק'ל פלעגט זיך פירן צו מקצר זיין מיט די פיוטים ביי די חנוכה ליכט. זיין זוהן האט אים אַמאָל געפרעגט פאַרוואָס מען זעהט אז ביי פארשידענע אַנדערע רבי'ס איז מען יאָ מאַריך, און ער פירט זיך צו מקצר זיין, האט אים רבי אייזיק'ל געענטפערט: 'מיין קינד מיין'ס, בשעת ווען מען רעכט אפ די הייליגע עבודה פון חנוכה ליכט צינדן, דאַרף אַ הייליגע פייער פַלאַמען אין די פנימיות פונעם האַרץ', - האָט רבי אייזיק'ל אויסגעפירט – 'נו וויפיל צייט קען מען אויסהאלטן אַ פייער אין הארץ?! דערפאַר בין איך מקצר מיט די פיוטים'.

### נישט מפסיק געווען דעם זיסן קול תורה

איידער רבי אייזיק'ל איז נתפרסם געוואָרן אויף די וועלט, פלעגט רבי אייזיק'ל אַרומרייזן פון שטאָט צו שטאָט און פלעגט מתקן זיין תיקונים.

אמאל איז רבי אייזיק'ל אנגעקומען אינעם שטאט צאַנז ביים הייליגן דברי חיים זי"ע און האט זיך דארט אויפגעהאַלטן פאר עטליכע טעג, לערנענדיג אינעם בית המדרש פונעם דברי חיים אומאויפהערליך בייטאָג און ביינאַכט, מיט אַ מורא'דיגע התמדת התורה.

ווען דער דברי חיים האט געוואָלט ארויסגיין פון שטוב, איז געווען אויסגעשטעלט אז ער האט געדאַרפט אַדורכגיין די בית המדרש, אין איינע פון די נעכט האט זיך געמאַכט אַז דער דברי חיים איז ארויסגעגאַנגען אינדרויסן. צוריקקומענדיג האט דער דברי חיים געהערט ווי רבי אייזיק'ל זיצט און לערנט אין בית המדרש, דער דברי חיים האט זיך תיכף געשטעלט נעבן די טיר פונעם בית המדרש אנכאַפּענדיג די קלאַמקע און זיך צוגעהערט צו די

מתיקות'דיגע קול תורה פון רבי אייזיק'ל. ווען עס איז אַדורך אַ לאנגע צייט און די שטוב מענטשן האבן באמערקט ווי דער דברי חיים איז נישט צוריקגעקומען, איז מען ארויס אויפן גאַס זעהן וואָס עס האט פאסירט אז ער קערט זיך נישט אהיים אין אזא שפעטע נאַכט שעָה.

אנקומענדיג אינדרויסן פונעם בית המדרש האט מען אים געפינען אנגעלאַנט אויפן טיר צום בית המדרש פרירענדיג פאר קעלט, מען האָט אים תיכף ארייגעברענגט צוריק אין שטוב זיך צו דערווארעמען, און קומען צו זיך. ווען מען האט געפרעגט דעם דברי חיים פשט פון שטיין אינדרויסן פונעם בית המדרש אין דעם פראָסטיגע וועטער, האט דער דברי חיים געענטפערט: **'איך האב געהערט די זיסע קול פון די לימוד תורה לשמה, האב איך מורא געהאט אז טאמער איך וועל אריבערגיין דאָרט וועל איך מפסיק זיין די קול פון לערנען, דעריבער בין איך פארבליבן אינדרויסן פון בית המדרש'**

## חביב ונערץ בין צדיקים שבדורו

רבי אייזיקל האט שוין פון זיין יונגע עלטער באַקומען מורא'דיגע הערצה פון די צדיקים אין זיין דור.

דער צאנזער רב האט זיך אמאל ביי א געלעגענהייט אויסגעדריקט אויף רבי אייזיק'ל, **'ער זיצט אין הימל'.**

באזונדער מוז באַטאָנט ווערן די זעלטענע הערצה און אהבה וואס עס האט געהערשט צווישן רבי אייזיק'ל מז'ידיטשוב און רבי אייזיק'ל מ'קאמארנא. זיי האבן זיך שטענדיג געפירט מיט א זעלטענעם התקרבות צווישן זיך.

עס איז פארהאנען א גאר ווארימע הסכמה וואס רבי אייזיק'ל מ'זידיטשוב האט געשריבן אויפן חומש היכל הברכה, ווי רבי אייזיק'ל מ'קאמארנא האט דאס ארייגעדריקט נאר אין עטליכע במדבר חומשים.

המשך בע' כ

# לוח היארצייטן



## יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| ז' סיון | הרה"ק רבי ישכר בעריש בן רבי יצחק אייזיק זי"ע - מ'זידיטשוב | תקצ"ב |
| ט' סיון | הרה"ק רבי יצחק אייזיק בן רבי ישכר בעריש זי"ע - מ'זידיטשוב | תרל"ג |
| י' סיון | הגה"צ רבי אליעזר צבי (ר' לייזער'ל) זצ"ל הי"ד בן רבינו הסב"ק מרן אלימלך זי"ע<br>וב"ב מרת רחל - עם ה' ילדים הי"ד - דומ"ץ טאהש | תש"ד |
| י' סיון | הרה"צ רבי ישראל יצחק אייזיק בן הרה"ק רבי מרדכי מ'דעמעטשער זצ"ל הי"דוב"ב מרת הענטשא - עם ג' ילדים הי"ד | תש"ד |
| י' סיון | הגה"צ רבי יצחק אייזיק זצ"ל הי"ד בן רבינו הסב"ק מרן אלימלך זי"עעם ב"ב מרת לאה הי"ד - אדמו"ר מ'קליינוואַרדיין | תש"ד |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| ז' סיון | הרב החסיד ר' צבי בן ר' יושע הכהן ע"ה פישער | תשל"ג | ביה"ח ניו דזערסי (סאטמאר) |
| ז' סיון | האשה החשובה מרת לאה בת ר' מאיר ע"ה ווייס<br>אשת הרה"ח ר' משה ע"ה | ת"ש | ביה"ח בטאהש אונגארן |
| ח' סיון | הרב החסיד ר' זאב דוד בן ר' בן ציון ע"ה ראזענבערג | תשפ"א | ביה"ח העתוקה בטבריה |
| ט' סיון | הבחור החשוב אביגדור בן ר' ניסן משה ע"ה כהנא<br>לא הניח אחריו זש"ק | תשנ"ח | ביה"ח בקרית יואל |
| ט' סיון | הבחור החשוב החתן יהושע ע"ה בן ר' אהרן הי"ו עקשטיין<br>לא הניח אחריו זש"ק | תשס"ד | ביה"ח באנטווערפן |
| ט' סיון | הרב החסיד ר' משה בן ר' צבי מרדכי ע"ה ארגעל | תשפ"א | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| י"א סיון | הרב החסיד ר' שמשון צבי בן ר' יצחק ע"ה געלב<br>גבאי נאמן בבית מדרשינו וומסב"ג | תשמ"ט | ביה"ח בקרית יואל |
| י"ב סיון | הרב החסיד ר' חיים נחום בן ר' יהודה ע"ה מערמעלשטיין | תשל"ה | ביה"ח ניו דזערסי (קאסאן) |

# אהלי מלכים

פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים
מתוך הספר שעדיין לא ראה אור הדפוס
ע"י הרה"ג ר' **יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש** שליט"א חדב"ן מר"ץ

## המשך הלכות תפילין

מ'קען נישט קויפן די תפילין פון מעשר געלט. אבער אויב צאלט מען מער פאר הידור קען מען עס נעמען פון מעשר[1].

ס'איז ריכטיג אז מ'זאל נישט קויפן צו גרויסע בתים, ווייל ס'קען אויסקומען אז ס'וועט נישט ליגן גוט אויפן קיבורת, אדער אויפן קאפ.

ס'איז ראוי צו אנטון די תפילין של ראש "נאך פאר" די בר מצוה (ביים סופר וואס מאכט די רצועות און די קשרים), צו אויסמעסטן אז די של ראש זאל זיין ריכטיג אויפן קאפ.

דער טאטע דארף אויסלערנען דעם קינד די הלכות פון תפילין, און וויאזוי מ'לייגט עס כדת וכדין[2].

מ'מעג אנטון פאר א קטן תפילין פון א גדול לצורך חינוך, דאס הייסט נישט הורדה מקדושה חמורה לקדושה קלה[3], בפרט אז מ'לערנט נאר אויס און מ'טוט דאס בכלל נישט אן לשם מצוה.

אז מ'לערנט אויס דעם קינד וויאזוי צו מהדק זיין, מעג מען אנטון דעם של ראש[4], אפילו ער האט נישט אן די של יד.

מ'מעג אויסלערנען א קינד ביינאכט וויאזוי צו לייגן די תפילין[5].

לכתחילה זאל מען נישט מחנך זיין און אויסלערנען א קינד וויאזוי צו לייגן תפילין אין שבת[6].

## מנהגי רביה"ק זי"ע בהנחת תפילין

- רביה"ק זי"ע איז צוגעגאנגען צום הייליגן מצוה פון הנחת תפילין מיט א התחדשות יעדן איינציגן טאג אזוי ווי א מצוה וואס קומט נאר פון צייט צו צייט[7].
- די לשם יחוד האט ער געזאגט מיט געלאסנקייט און חביבות און ווארעמע נוסח אז די שומעים זענען נתעורר געווארן צו אהבה ויראת ה'.
- די סדר הנחת תפילין האט געדויערט א לענגערע צייט וויבאלד ער האט זיך מתעסק געווען מיט די מצוה מט א חרדת קודש בדקדוק ההלכה און חביבות און מיט שמחה.
- רבינו זי"ע האט געלייגט די תפילין אין ביהמ"ד נישט אין חדר פרטי, ווייל ער האט דאס נישט געזען ביים זיידן הסב"ק זי"ע.
- די תפילין בייטל האט ער ארויסגענומען פונעם טלית בייטל פארן זאגן 'לשם יחוד', אבער נישט ארויסגענומען די תפילין ביז נאכן ענדיגן לשם יחוד.
- ער האט אויסגעטון די לינקע ערמל און דאס איז געבליבן אזוי ביז נאכן דאווענען.
- ער האט מסדר געווען די פיאות, אז עס זאל אראפקומען כסדרן, און בודק געווען צו ס'נישטא קיין האר וואס זענען אפגעריסן, עס זאל נישט זיין קיין חציצה.
- ער האט מדקדק געווען, אז די רצועות זאלן נישט אראפפאלן אויף דער ערד.
- נאכן לייגן די תפילין אויפן ריכטיגן פלאץ האט ער צוגעדעקט די הענט מיטן טלית, די זרוע זאל נישט זיין אויפגעדעקט, און געזאגט נאכאמאל 'לשעבד בזה תאות ומחשבות לבנו לעבודתו יתברך שמו'.
- די ברכה און אנטון תפילין איז שטייענדיג.
- בשעת די הידוק האט ער מדקדק געווען אז די רצועה נישט ווערן איינגעקנייטשט צו ווייניגער פון א שעורה.
- די יו"ד פון די תפילין האט אנגערירט די האנט.
- מ'דרייט אויף ארויס כמנהג ספרד.
- קודם מאכט מען א כריכה אויפן מעברתא, צו האלטן פעסט די יו"ד צום בית, און איין כריכה אויפן קיבורת - אבער די רצועה זאל נישט אריינגיין אונטער די תפילין. (בשעת'ן לייגן תפילין פאר א בחור, האט ער דאס אריבערפירן די כריכה אויפן מעברתא וואס טוט אויך מחזק זיין דעם קשר, געלאזט דעם בחור אליינ'ס טון[8]).
- נאכדעם מאכט מען 7 גאנצע כריכות אויפן זרוע, דאס איז חוץ פון די צוויי האלבע כריכות[9] (דאס הייסט א האלבע כריכה פון די קיבורת צו די זרוע, און א האלבע כריכה פון די זרוע צו די כף היד).
- נאך די כריכות אויפן זרוע, איז מען כורך די איבריגע רצועות אויפן כף היד. און די עק, טוט מען צוויי מאל ארייננשטעקן אין די כריכה.

---

1 רמ"א (יו"ד סי' רמ"ט ס"א) שאין לעשות ממעשר שלו דבר מצוה ופירש בבאר הגולה (שם) דהיינו מצוה שמחוייב לעשותה אינו רשאי להפטר על ידי מעות מעשר אבל אם רוצה לעשות בו מצוה שאינו מחוייב בה רשאי, ולפי זה תפילין כיון שלדעת הרמ"א (סי' לז ס"ג) תיקנו חז"ל שמחוייב לקנותן אחר שנעשה י"ג שנים (דלדעת המחבר רק אם מניחן קודם יג צריך לקנותן ואחר שנעשה י"ג א"צ) אינו רשאי לפטור עצמו על ידי מעות מעשר; וכ"כ בשו"ת פאת שדך (סי' קיח) אבל מוסיף 'מיהו מה שמוציא דמים מרובים כדי לקנות תפילין יקרים אינו חיוב מדינא ומאן דדחיקא ליה מילתא רשאי להוסיף משל מעשר אם נתכוין מתחילה לכך. ואם לא נתכוין מתחילה לכך ומבקש לנכות ההוספה אח"כ על חשבון כסף מעשר צ"ע אם יש לדמותו לשאר מצוות שאסור לעשות כן כמ"ש בט"ז (יו"ד ריש סי' רמ"ט), ויותר נלענ"ד דשרי כיון דסו"ס ועשה חסד עם בנו בזה הו"ל צדקה אע"פ שלא נתכוין לכך מעיקרא'.

2 מ"ב (סי' לז סק"ט), ועיין ברכי יוסף (סי' ל"ז בשיו"ב אות ב מש"כ בשם הרמ"ע) 'תפילין חובת גברא הוא ואתקוש לד"ת וצריכין חינוך לשמירתן', ובשו"ת לבושי מרדכי (או"ח מהדו"ת סי' פ"ז ד"ה ועוד נלענ"ד). והשל"ה הק' חיבר ספר מיוחד לבנו שנעשה יג שנים שנקרא מצוות תפילין.

3 הלכות הגר"א ומנהגיו (עמ' עא לבעת תשובות והנהגות) שרק שימוש מיוחד ממש כמו לבישה דבגדי כהונה או בפרוכת אסור מטעם זה דחשיב מלבוש כה"ג ומורידו, וכן בשימוש פרוכת וכדו' של ארון ס"ת ומורידו לתשמיש אחר של קדושה קלה, אבל תפילין שאין עליו שם לבוש כלל ואינו מתייחס כלל לאדם מיוחד רק הוא חפצא דמצוה, לא שייך כלל לומר דהוי הורדה כלפי האדם המניחו, ועוד רק כשמשמשים בו לקודש כגון לעבודה או לפרוכת אסור, ולא במה שמשמשין בו למצוה גרידא, ולא מצינו בפוסקים חשש אסור בזה ושרי לקטן להתחנך בתפילין דגדול וליכא למיחש מידי וז"ב'.

4 שו"ת בית שערים (או"ח סי' כג ד"ה אבל) 'נ"ל דבר חדש דאינו עובר אם מניח של ראש תחילה אלא במניח לשם מצוה, או בסתם למ"ד מצות א"צ כוונה, אבל אם מניח שלא לשם מצוה בהיפך כוונה, אין כאן עבירה כלל'.

5 דבשו"ע (או"ח סימן לא ס"ג) ומקורו הוא במסכת מנחות (לו.) היה רוצה לצאת לדרך בהשכמה מניחם וכו' דליכא למיחש שישן בהם כיון שהשכים ויצא לדרך, פירוש דכל הטעם דאסור להניח בלילה תפילין הוא שמא ישן בהם, ובאופן דאין חשש שינה מותר להניח. ועי' במשנה ברורה (שם) בשם רש"י (מנחות שם) דאפילו קודם עלות השחר מותר בכהאי גונא, ולפ"ז המלמד להילד איך להניח תפילין ואינו משאירו עליו ודאי ליכא חשש שינה ומותר ללמדו בלילה, וכתב הבה"ל (סימן ל' ד"ה כיון שהשכים) דאם מתיירא שמא יאבדם ועושה כן כדי לשמרם בודאי אין להחמיר אף ביושב בעגלה, אחרי דבלאו הכי דעת העולת תמיד והגר"א להקל במניחין בשביל השמירה.

אמנם עי' בכה"ח (סי ל סק"ה וז) 'דהאר"י זלה"ה היה נזהר מאד שלא להיות מעוטף בטלית ותפילין אחר שקיעת החמה על כן שומר נפשו ירחק מכל אלו הדברים וישתדל לעשות להם שמירה אחרת לבל יהיו התפילין עליו אחר שקיעת החמה ותבא עליו ברכה', אכן כידוע אין קטן מצווה בזהירות האריז"ל.

6 כיון הם מוקצים וגם בזה יש חיוב חינוך שידעו שזה מוקצה בשבת אבל בשעת הדחק הרי נפסק בשו"ע (סי' שח ס"ד ) דתפילין אין לטלטלם כי אם לצורך ובמג"א וטו"ז שנחשב כלי שמלאכתו לאיסור ומותר רק לשמרן מן המזיקים או למקומן, ועי' שבילי דוד (או"ח סי' שח מג"א סקי"א) 'נלע"ד דבמניחן שלא לשם תפילין ואין רוצה לצאת בו יד"ח אין איסור, לכן מיקרי כלי שמלאכתו להיתר', ועי' מ"ב (שם) שבמקום הדחק מותר לטלטלן לצורך.

7 נלקח מספר הליכות הלוי (מעמ' קט ולהלאה) ועי' שם עוד באריכות נפלאה, ובמקורות לכל מנהגי רביה"ק זי"ע. וחלק מהם תמצא בספה"ק עבודת עבודה (שיח"ק ח"ב מעמ' רעט ולהלן).

8 כי זה חלק מהקשירה, ואמר שאמנם כל הכריכות יש להם שייכות להקשירה, כי כולן מחזקות את הקשירה על היד.

9 אבל לבחורי בר מצוה אשר קצרה ידם, וא"א להם לכרוך ז' כריכות מלבד החצאים, צירף לחשבון הכריכות גם החצאים. הליכות הלוי (עמ' קכ במדור עבודת הלוי).

# פתיחת כלים בשבת

בו יתברר האיך לפתוח בשבת כל מין כלי כדרכו ואופנו
נכתב ע"י הרה"ג ר' נתן ירמי' גאלדשטיין שליט"א בעל מח"ס מגדנות נתן

המשך משבוע העבר

## סעיף ג

ביים שניידן עסנווארג איז נישט דא דער איסור פון מחתך במדה, אפילו אויב מען שניידט עס מיט א פונקטליכע מאס. אבער אויב די מאכל איז ארומגענומען מיט א פאפיר אדער מיט א פלעסטיק, און מען שניידט די מאכל צוזאמען מיט די פאפיר אדער פלעסטיק, קען יא זיין אן איסור פון מחתך במדה אויף די פאפיר אדער פלעסטיק (צ.ב. אויב ער וויל אז די פאפיר אדער פלעסטיק זאל פונקטליך אנקומען און פארדעקן ביז די סוף פון די מאכל).

# פרק ו-ב

# די מלאכה פון 'קושר' און 'מתיר' - מאכן אדער עפענען א קניפ

## סעיף א - די מלאכה פון קושר

די מלאכה פון קושר איז ווען מען מאכט א קניפ אז עס זאל זיך האלטן פאר אייביג (לקיימא). א קניפ וואס איז נישט געמאכט געווארן זיך צו האלטן פאר אייביג (אינו של קיימא) איז אסור מדרבנן. און אויב איז עס געמאכט צו עפענען אינעם זעלבן טאג, מעג מען עס מאכן אפילו לכתחילה.

אויב עס איז געמאכט געווארן פאר מער ווי איין טאג, אבער פאר ווייניגער ווי זיבן טעג, איז דא דערביי א מחלוקת הפוסקים. עס זענען דא וואס זאגן אז אזא קניפ איז אסור צו מאכן אדער עפענען אין שבת, אבער עס זענען דא וואס זענען מיקל אויב איז עס געמאכט פאר ווייניגער ווי זיבן טעג. למעשה קען מען מיקל זיין עס צו עפענען מיט א שינוי, און אויב קען מען נישט דורך א שינוי, קען מען עס עפענען דורך א קטן.

## סעיף ב - ספק של קיימא

א קניפ וואס עס איז א ספק אויב עס וועט בלייבן אויף אייביג אדער נישט (ספק לקיימא), האט א דין ווי א געהעריגע קשר של קיימא, און עס איז אסור מן התורה צו מאכן אדער עפענען אזא קניפ. למשל, די קניפ פון דער שטריק וואס מען לייגט ארום די באקסעס פסח'דיגע מצות (זעה פרק ט' סעיף י"א) איז אן איסור דאורייתא. ווייל בשעת מען מאכט די קניפ, איז נישט זיכער אז מען וועט עס בכלל עפענען, פארקערט גאר, עס איז כמעט זיכער אז דער וואס קויפט עס וועט נישט עפענען די קניפ, נאר ער וועט צושניידן די שטריק און עס אוועקווארפן. קומט אויס, אז די קניפ וועט בלייבן אויף אייביג, און עס איז אסור מן התורה.

## סעיף ג - ארײנשניידן אין די קניפ

'ארײנשניידן' אין די קניפ האט די זעלבע הלכה ווי 'עפענען' דעם קניפ (און עס וועט זיך ווענדן אויב עס איז לקיימא אדער נישט). אבער דאס איז נאר אויב מען שניידט אריין 'אינעם קניפ', אבער ארײנשניידן 'אינעם שטריק' איז מותר אויף יעדן פאל (אפילו אויב מען שניידט נעבן די קניפ), דעריבער ביי די שטריק ארום די באקסעס פסח'דיגע מצות, מעג מען ארײנשניידן אין די שטריק, אבער אין די קניפ טאר מען נישט ארײנשניידן (אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין פרק ט' סעיף י"א).

# פרק ז

# עפענען גלאזערנע כלים

## סעיף א

**א פלעשעל פון סאדע אדער אנדערע געטראנקען, וואס האט אן אייזערנעם דעקל, וואס ווען מען עפנט דאס אויף ברעכט זיך אפ א שטיקל דערפון.**

מען זאל דאס נישט עפענען אום שב"ק[1], נאר זיכער מאכן דאס שוין צו האבן געעפנט פון פאר שבת [אויב די דעקל עפנט זיך גרינגערהייט, און קיין באזונדערע אנשטרענגונג, איז די הלכה אזוי ווי ביי פלעסטיק דעקלעך, זעה ווייטער אין סעיף ב'].

אויב האט מען פארגעסן, אדער מען האט דאס נישט געקענט עפענען פון ערב שבת, איז דא דריי עצות וואס מען קען טון:

**עצה א:** עפענען נאר אביסל, אז די אונטערשטע שטיקל אייזן זאל זיך נישט אפרייסן פונעם דעקל, און אזוי גיסן מיט א האלב פארמאכטע דעקל.

**עצה ב:** מען זאל מאכן א לאך אינעם דעקל פאר מען עפנט עס, און נאכן עפענען זאל מען עס נישט צוריק צומאכן, נאר מען זאל אוועקווארפן דאס דעקל און עס מער נישט נוצן.

---

1 די פראבלעם צו עפענען אזא דעקל איז צוליב דער איסור פון מתקן מנא, אז דורכן אפברעכן די שטיקל פונעם דעקל, פאררעכטעט ער די דעקל אז מען זאל עס קענען עפענען און צומאכן, זעה פרק ב' סעיף א'.

המשך בשבוע הבא אי"ה




## לקבוע זמן השכמה

**ה. כדי לזכות למעלת ההשכמה טוב להתרגל לקבוע עצמו בכל יום לעמוד משנתו בשעה קבועה בבחינת חק ולא יעבור, שגם אם בדיעבד הלך בלילה לישון מאוחר לשכב, עם כל זה כשיגיע זמן הקימה, יתגבר כארי במסירות נפש נגד טבעו להשכים בבוקר** ו)**, ואת שנתו ישלים במשך היום, ואם מוסר נפשו על זה לקום באשמורת הבוקר בלי להחסיר אפילו יום אחד, יתן לו השי"ת ברכה בשינה, שאף שינה מועטת בלבד תספיק לו, וידע שבעבודה זו גורם שמחה למעלה בכל העולמות לאין שיעור** [ז]**.**

### מעיינות הלוי

ו) בצעטיל קטן (אות טז) כתב, האדם לא נברא בעולם רק לשבר את הטבע, לכן יזרז את עצמו לתקן מדותיו וכו' לעשות דוקא להיפך ממה שיעלה במחשבתו, וכן מי שבטבע עצל ירגיל את עצמו מ' יום רצופים לעשות וכו'.

### בארות הלוי

[ז] כאשר צריך לקום בבוקר ממשכבו, כדי לקבוע שיעור קודם התפילה ולהכין עצמו לתפלתו כראוי וכיאות, ועדיין לא ישן כפי הצורך לבריאות גופו, מפני רוב טירדותיו בלילה וכדומה, ועכ"ז מתגבר במסירות נפש נגד טבעו ומוסר נפשו לכבוד שמו יתברך, לעמוד ממשכבו לבית המדרש, הרי עבד בזה עבודה למעלה מן הטבע, ומעבודה זו שמתגבר על עצמו למעלה מטבעו ניזונים כל העולמות, ואילו היה האדם רואה גודל השמחה שגורם בזה למעלה היה שמח בזה כעל כל הון (דבר"ק ח"ב עמ' רל).

בבוקר יקום ממשכבו בשעה קבועה, לא בסדר מבולבל, יום אחד בשעה זו ויום אחד בשעה אחרת, אלא בכל יום בזמן קבוע יקום באשמורת הבוקר בזמן קבוע, ואף כשאירע מחמת איזה סיבה שלא ישן בלילה די הצורך לו, עם כל זה ימסור נפשו לקום בזמן הקבוע, ולא יעבור מאותו זמן הקבוע בשום פנים ואופן, זולת לצורך אונס גדול מאוד (דבר"ק ח"א עמ' יב).

כאשר האדם יקבע יסוד זה בלבו, שוב לא ירגיש עייפות וחולשות בעבודתו, כי מה שהאדם מרגיש עייפות כאשר בא לעסוק בתורה ותפילה, אין זו עייפות אמיתית, אלא התרשלות שנופלת עליו מפני המורא שבלבו, כי חושש שמא לא יצליח. ועייפות אמיתית היא רק זה הבאה על האדם אחר גמר עבודתו, כגון אחר שערך סדר יום שלם, אז הוא עייף באמת, אבל עייפות הנופלת עליו טרם התחיל עבודתו, ובעת העבודה, זה אינה עייפות, אלא עצלות.

וכך למדתי מעבודת של זקיני [הסב"ק] זי"ע, שראיתי איך שעסק בתורה כל לילה, מחצות עד אור הבוקר, ואם בתוך לימודו הרגיש כי תרדמה נופלת עליו, עמד מיד על רגליו ולמד בעמידה.

אף שהיה רגיל לומר שהאדם צריך לישן כפי הצורך לו, ולא היה ניחא דעתיה מאלה שאינם ישנים די צרכם, ואמר שאדם כזה עייף כל היום, ועבודתו אינה נעשית במוח זך. אבל בכל זאת, אם תוך כדי עבודתו הרגיש שנופלת עליו תרדימה, התגבר על זה ולא הרפה מלימודו, כי תרדמה כזו אינה עייפות, אלא כח היצר הרוצה לבטלו מעבודתו, ועל שינה כזו אמרו חז"ל (סנהדרין עא, א) כל הישן בבית המדרש תורתו נעשית לו קרעים קרעים.

וזאת אתם רשאים ללמוד ממני, מה שאתם רואים, כי לפעמים אני ישן אף בעמידה, בתוך כדי הליכתי, כי התרגלתי שלא להתפעל מעייפות הגוף אשר היצר מפיל עלי (שיח"ק ח"ג עמ' נב).

בני, לכו לישן בזריזות כדי שתוכלו לקום מחר באשמורת הבוקר, וכן בכל יום תזהרו מאוד לקום באשמורת הבוקר כידוע גודל ענין זה, וכמו שמובא בספר קב הישר (פרק צג אות ו) וכו', הרי לכם כי מפני שהיה רגיל לעורר העם לאשמורת הבוקר, זכה לראות השכינה הק' ולחיות עוד כ"ב שנה.

הלא התחלת השו"ע (או"ח סי' א ס"א) הוא בענין זה, "יתגבר כארי לעמוד בבוקר". והרה"ק רבינו מהרי"א מקאמארנא זי"ע כתב הרבה פעמים, שעיקר היהדות משיגים על ידי קימה ולימוד התורה הק' באשמורת

# לקבוע זמן השכמה

## ה. כדי לזכות למעלת ההשכמה טוב להתרגל לקבוע עצמו בכל יום לעמוד משנתו בשעה קבועה בבחינת חק ולא יעבור, שגם

### בארות הלוי

הבוקר.

ואם תמסרו נפשכם על זה, להיזהר לקום באשמורת הבוקר בלי לחסר אפילו יום אחד, יתן לכם השי"ת ברכה בשינה, שאף שינה מועטת בלבד תספיק, דוגמא למה שאמרו חז"ל (תורת כהנים ויקרא כו, ה) אוכל קמעא ומתברך במעיו, כן יהיה בשינה.

והרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע, אמר על עצמו שהוא ישן בזריזות, כלומר שבזמן קצר הוא ישן מה שאחרים ישנים בזמן רב וכו'.

ומספרים על הרה"ק ר' צבי אלימלך מבלאזשוב בעל צבי לצדיק, שבליל יום הקדוש אחר שסיים תפלת ערבית, הלך מהעמוד ישר אל המטה שעמדה שם, ובקומו אחר השינה, הלך מהמטה אל העמוד בלי הפסק כלל, ולא יצא החוצה, כדי לחבר את היום עם הלילה, כן תעשו אתם מביהמ"ד למטה, ומהמטה לביהמ"ד, ולא להסיח דעת בדברים אחרים (שיח"ק ח"א עמ' רסא).

כאשר מגיע הזמן לקום באשמורת הבוקר, לעסוק בתורה ועבודה, אם כבר ישן כל צרכו, אין רבותא כל כך שהוא קם לעבודתו, אלא כאשר עדיין לא ישן כל צרכו, והוא עייף ויגע, ובכל זאת משבר טבעו וקופץ ממטתו לקום לעבודת הבורא, זו היא תכלית העבודה, כיון שמשבר כח המנגד (פתגמ"ק ח"א עמ' רלב).

בבוקר כאשר מגיע הזמן לקום מן המטה, יקום בזריזות ובמסירות נפש, ויברח ממטתו כמו הבורח מן האש, כדי שלא יתגשם ולא ירחיק נפשו מן הקדושה על ידי שינה יתירה, ובכח זה יוכל להתנהג כל היום בקדושה, כי עבודת היום תלוי בקדושת שינת הלילה (דבר"ק ח"א עמ' עה).

און אזוי מיטן שלאפן, ווען דער מענטש איז מיעד, אפילו נאך זיבן שעה שלאפן, קען זיך דאכטן פאר א מענטש אז ער איז נאך זייער מיד, דער בעל דבר רישט עס צו אזוי, ער ווארפט ארויף שלאף אויפן מענטש, אויף פארשידענע אופנים מאכט ער דאס, און אז דער מענטש טוט זיך שטארקן דערויף, ער שטייט אויף פארטאגס, ער לויפט אין בית המדרש, כאטש ער איז מיעד, און כאטש ס'איז קאלט, מאכט זיך פון דעם אויף די שערי קדושה וכו', דאס איז דער עיקר ביי יעדע זאך, דער מענטש זאל די תאוה ממית זיין, נישט דער גוף זאל ווערן שוואך און קראנק, נאר די תאוה זאל ער אפשוואכן, פון דעם קען ער קונה זיין די תורה, קען ער אנהייבן צו שפירן א טעם (שפתי קודש עמ' רסג). וראה עוד להלן (ריש סימן יא) בבארות הלוי עוד דיבורי קודש חוצבות להבות אש, מענין ההכנה לתפילה בלימוד התורה.

[ח] תלמידים יקרים השתדלו לקום מחר בזמן המיועד, כדי שלא יחסר לכם מהשלימות, ובפרט ביום הראשון בשבוע שהוא כנגד חסד, עליכם ללמוד בהתמדה יתירה, שהתורה הוא גם כן בבחינת חסד כמו שכתוב (משלי לא, כו) 'ותורת חסד על לשונה' (שיח"ק ח"א עמ' מו).

יום ראשון שבשבוע צריך תיקון גדול בישיבה, כי ביום ראשון ישנם שאינם מקפידים על סדרי הישיבה כראוי, וגם מתרשלים בלימוד השיעורים כפי שצריך, האם לא איכפת לכם הפסדו של יום ראשון בשבוע, הרי יום ראשון הוא נגד מדת חסד המרומז להתורה הק' שנקראת תורת חסד, ואם יום זה אינו כראוי, גם כח התורה שלכם נחלש, על כן קבלו נא עליכם להתגבר כארי ולקום בזמן גם ביום ראשון, וכל שכן בשאר ימי השבוע (שיח"ק ח"א עמ' רצה).

לכן הרוצה לזכות לתיקון נפשו בימים אלו, יקבל על עצמו לחדש דרכיו, שמיד במוצ"ש ימהר ללכת לישון מוקדם, כדי לקום ביום ראשון באשמורת הבוקר כשהמוח צלול, בזריזות ובהתחדשות, ולהיות מסודר בסדר יום קבוע (פתגמ"ק ח"א עמ' קצו).

ובפרט עתה במוצאי שבת קודש צריכים להזדרז ביותר לסעודת מלוה מלכה ולישון בזריזות, כדי לקום ביום ראשון בהקדם האפשרי, כי היצר הרע מתגבר מאוד על האדם שיבלה הזמן במוצאי שבת קודש בדברים של מה בכך, כדי לחסר בזה משלימות כל השבוע, כי על ידי חסרון ביום ראשון נגרם פגם וחסרון לכל ימות השבוע, דכולא בתר רישא גריר, וכאשר האדם מקדש את תחילת השבוע לה', כל השבוע נגרר אחריו, וכידוע פירוש הבעש"ט הק' על הפסוק (שמות יג, ב) 'קדש לי כל בכור' (שיח"ק ח"ב עמ' תטז).

ועתה הזדרזו לעלות על מיטתכם בזריזות, שתהיו מוכנים ומזומנים להתחיל בסדר הלימוד למחרת בזמן. כי אם האדם מזדרז במוצש"ק, ואינו מבלה את הזמן, מקשר בזה את קדושת השבת אל יום ראשון, וזוכה להרגיש ביום ראשון הארה גדולה מקדושת השבת. ומיום ראשון נמשך קדושת השבת לכל ימות השבוע, כי כל הימים נגררים אחר יום הראשון, כמו שפירש רש"י הק' בפרשת בראשית (בראשית א, יד) כי כל מה שנברא בששת ימי המעשה, כבר נברא ביום ראשון, אלא שאחר כך נקבע כל דבר על מקומו, דבר יום ביומו, נמצא כי יום ראשון הוא שורש להבריאה של כל ששת ימי המעשה.

על כן בזה שתזדרזו עתה לעבודתכם, תזכו להרגיש את אור השבת בכל ששת הימים, ובכח האור הזה אשר יאיר בקרבכם תזכו להתעלות מאוד, להשיג עניינים עמוקים, טיפע זאכן, גרויסע השגות, בעסקכם בתורה ובתפלה ובעבודת ה', ס'וועט א גאנצע וואך זיין לעכטיג [-זה מאיר את כל השבוע] (שיח"ק ח"ג עמ' שטו).

[אחר הבדלה בא המשב"ק להזכיר כי כבר מאוחר], אמר לו רבינו: כאשר באת להגיד דבר כזה, שכבר מאוחר, הלא לב כולם נשבר ממה שנעשה, שהתאחרה השעה, ועליך לתת מיד עצה איך לתקן את הדבר, כי על כל דבר שנעשה, יש עצה ותיקון, והתיקון למה שאיחרנו הוא, שמעתה נקבל עלינו להזדרז ביותר בכל מעשינו, ונקבל עתה קבלה חדשה, שלא לבטל אף רגע מעבודת ה' בכל השבוע הבא.

ומן הראוי להעמיד עדים שיעידו לפני, אם התלמידים מקיימים את הדברים להזדרז מאוד, ועל דרך שמצינו באגרת הקודש להרה"ק בעל התניא זי"ע (אגרת א) שכתב לתלמידיו, שלא ימהרו בעת התפילה, ומזהירם, שבימות החול לא ירדו לפני התיבה בעלי עסקים שממהרים בתפלתם, כי אם אלו שיש להם פנאי להאריך בתפלתם, ויתפללו תפלת השחר ערך שעה ומחצה לפחות, וכותב על זה, שישלח לכל המנינים מרגלים בסתר, להעיד לפניו אם מקיימים את דבריו אלה. הרי שזה היה דרך הצדיקים, להעמיד מרגלים ועדים לראות אם מקיימים את דבריהם (שיח"ק ח"ג עמ' כא).

בני אהובי, הזדרזנו היום מאוד בסעודה שלישית ותפלת מעריב רק למענכם, כדי שתוכלו להתחיל את סדר הלימוד של השבוע בזמן הרצוי, לכן לא תבטלו מעתה אף רגע, כמו שזקיני הק' זי"ע הזדרז מאוד במוצאי שבת כדי שיוכל לקום בחצות הלילה. ודבר פלא ראו אצלו, כי ברגע שעלה על יצועו נרדם, אף כאשר בני ביתו הסתובבו עדיין בחדרו, לא ציוה עליהם לצאת משם, אלא עשה את שלו, עלה על יצועו ומיד נרדם, ושום דבר לא הפריעו וכו', והרי הנכם אוהבים להתנהג בכל דבר כמנהגנו ומנהגי רבותינו הק', בזה ראוי שתעשו ותתנהגו כזקיני הק', שתעבדו את ה' בשלימות כל היום, כדי שתוכלו לישן מיד בשכיבתכם, וכך תוכלו להשכים באשמורת לעבוד את ה' באין מפריע (שיח"ק ח"ב עמ' קנט).

# מאנ"ש לאנ"ש

בריוון און מעסעדזשעס
פון אנשי שלומינו צו אנשי שלומינו

איבערצוגעבן אייער בריוו

שיקט א בריוו אויף
פאסט
11 Van Buren Dr. #205
Monroe, NY 10950

שיקט א
פעקס
845.610.8674

לאזט א מעסעדזש אויף
קול איחוד
718.451.8674
Ext. 841

וויבאלד עס נעמט צייט צו מגיה זיין די בריוון אין דעם אפטיילונג כראוי, ביטע אנטשולדיגן אויב זעהט איר נאך נישט גלייך אייער מעסעדזש אדער בריוו אינעם מדור.

## איך וועל זיך טובל'ן פאר דיר, און דו וועסט דיך טובל'ן פאר מיר "משולם פייש בן צירל" – נאר א טאג וואס דו וועסט היטן בקדושת עינים והדיבור אין מקוה!

לכבוד די חשובע קוראי גליון באור החיים, אנשי שלומינו חסידים ואנשי מעשה.

עס איז באקאנט וויפיל מרן רביה"ק זי"ע פלעגט אלס רעדן פון די גרויסקייט פון מקוה לתוספות קדושה וטהרה, און די הייליגע ספרים "עבודת עבודה" זענען פיל דערמיט, וואס דער רבי האט עס געשטעלט אלס א יסוד היסודות פאר קדושה און טהרה, און עס איז אוודאי אויך באקאנט פאר אונז תלמידים איבער דעם ענין פון "נישט רעדן אין מקוה", וואס ווי גרויס די כח פון די מקוה איז נאר, איז די פארקערטע ווען די מקוה איז נישט ווי עס דארף צו זיין, ווי דער רבי איז שטארק מאריך (עבו"ע פתגמי קודש פרשת שמיני) אינעם פסוק **"אַךְ מַעְיָן וּבוֹר מִקְוֵה מַיִם יִהְיֶה טָהוֹר"**, אז טובל'ן אליין איז נישט גענוג אויב מ'היט נישט דאס מויל און די אויגן, און דאס רעדן אין מקוה קען חלילה מקלקל זיין די גאנצע טבילה.

די פאלגנדע וואונדערבארע געשיכטע איז לעצטנס פארשפרייט געווארן דורך **הרה"ג המשפיע ר' דוד קלעצקין שליט"א** פון ארה"ק, אויף די באקאנטע "עינים" טעלעפאון ליין. דאס אלעס האט זיך אנגעהויבן ווען דער משפיע שליט"א האט עטליכע וואכן פריער גערעדט ביי זיין וועכנטליכע עש"ק שמועס איבער דעם ענין פון שמירה בדיבור און שמירת עינים אינעם מקוה, וואו ער האט מאריך געווען נאכצוברענגען די פייער'דיגע דברים חוצבים להבות אש פונעם הייליגן רבי'ן זי"ע אינעם ספר עבודת עבודה איבער דעם ענין.

זיינע ווערטער האבן ארויסגערופן א געוואלדיגע התעוררות, און דער משפיע האט באקומען פילע טעלעפאון רופן פון איבער דער גאנצע וועלט פון אידן וואס האבן זיך מחזק געווען. צווישן די אלע האבן גערופן א איד "ר' חיים מענדל" פון אמעריקע, און דערציילט ערשטהאנטיג די פאלגנדע מורא'דיגע לעבנס-געשיכטע וואס ער האט אליין מיטגעלעבט מיטן הייליגן רבי'ן זי"ע.

ר' חיים מענדל איז געווען א בחור וואס האט מיטגעמאכט א שווער לעבן און א ביטערן גלות ווען ער איז נתגדל געווארן אין זיינע אינגע יארן אין אפאר שטובער. זיינע עלטערן האבן זיך צעשיידט ווען ער איז נאך געווען א פיצל קינד, זייט דעמאלטס האט ער געוואנדערט פון איין פלאץ צום צווייטן, ער האט א תקופה געוואוינט דא און א תקופה דארטן, אביסל ביי די זיידעס, ביי די באבעס, ביי די פעטערס, ביי די מומעס, שכנים, חברים, אזא גלות האט ער געהאט, אויפוואקסנדיג אין פרעמדע שטובער, זיך וואלגערנדיג צווישן קרובים און גוטע פריינט אן קיין שום געהעריגע שטיצע.

ער איז שוין געווען פינף-און-צוואנציג-יאר, ועדיין לא נושענו, שידוכים זענען געגאנגען ווייט פון גרינג, זיין הארץ איז געווען צובראכן אויף שברי שברים און ער האט שוין שיעור נישט פארלוירן זיין האפענונג. ביז איין טאג האט ער געטראפן אן אלטן נאנטן חבר שלמה פון ישיבה קטנה, שמועסנדיג אזוי ארום און ארום, האט ער זיך אנגעפאנגען אויסרעדן זיין הארץ פאר זיין חבר וואס עס גייט פאר מיט אים און ער זעהט נישט תכלית. נאך א לענגערע שמועס האט אים זיין חבר שלמה צוגערעדט: **"חיים מענדל, פאר קיין טאהש! דער הייליגער טאהשער רבי איז א בעל רחמים, זיין הארץ איז אפן פאר**

המשך מע' טו

## רבי אייזיק'ל דריקט זיך אויס אינעם הסכמה מיט גאר שיינע תוארים נאך בחייו, ווי פאָלגענד:

'הובא לפני חומש של ספר במדבר עם מסורה גדולה ופירוש על המסורה גדולה מאת ידידי ש"ב מחותני הרב הצדיק בוצינא קדישא **נהירין לי שבילי דרקיעא כשבילי דנהרדעי כבוד קדושת ש"ת מוה"ר יצחק יהודה יחיאל וגו'"** ...

אזוי אויך איז רבינו השרף זי"ע געפארן קיין זידיטשוב צו רבי אייזיק'ל זי"ע, אַפילו ער זעלבסט האט שוין דאַן פַארמאגט אייגענע חסידים, ווי עס איז ברייט געשילדערט אין עבודת הלוים ח"א (עמוד רכג).

אין די שפעטערע יאָרן האט רבי אייזיקל זידיטשוב'ער געשיקט זיין זון קיין טאָהש אויף אַ שבת, זיך מסתופף זיין בצל קדשו פון רבינו השרף זי"ע.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**

**יעדן איד, ער וועט דיר העלפן.״**

ער איז טאקע געקומען קיין טאהש אויף א שבת, און מוצאי שבת שפעט נאך חצות איז געקומען זיין רייע אריינצוגיין אל הקודש פנימה צום הייליג׳ן רבי׳ן זי״ע, ווי ער האט אויסגעבראכן מיט א געוויין און אויסגעגאסן זיין ביטער הארץ פארן רבי׳ן, דער הייליגער רבי האט זיך שטארק פארטראכט אינעם קוויטל, און פארמאכט די ׳עינים׳ הקדושים פאר א לענגערע צייט, דאן האט דער רבי זיך אנגערופן מיט א שמייכל:

**״מיין טייערער קינד, איך וויל מיט דיר מאכן א געשעפט, איך בין גרייט יעדן טאג זיך צו טובל׳ן פאר דיר א טבילה אין מקוה לזכותך לישועתך, אבער איך בעט אז אויך דו זאלסט זיך טובל׳ן יעדן טאג פאר מיר א טבילה. ביסט מסכים צום שותפות?״**

דער ר׳ חיים מענדל איז געווען איבערגענומען, ״אוודאי בין איך מסכים!״ האט ער געזאגט, ״בשמחה רבה! א גרויסע זכות פאר מיר! אבער דער רבי דארף אנקומען צו מיין טבילה?״ ״דאס איז שוין מיינע ענינים,״ זאגט דער רבי, ״לאז עס פאר מיר. איך טובל פאר דיר א טבילה, און דו פאר מיר.״

אבער דאן איז דער הייליגער רבי געווארן זייער ערנסט, ער האט אנגעשטעלט אזא ערנסטע פנים, און זיך אנגערופן צו חיים מענדל:

**״זאלסט וויסן, טובל זיין א טבילה איז זייער א גרינגע זאך, עס געדויערט א סקונדע נעמט עס... אבער איך האב אן עקסטערן תנאי מיט דיר. דו וועסט זיך טובל׳ן פאר מיר א טבילה נאר אין א טאג וואס דו גיבסט אכטונג אין שמירת עינים אין מקוה, און נישט רעדן אפי׳ קיין איין ווארט אין מקוה, נאר יענעם טאג וועסטו טובל׳ן פאר מיר, און אזוי וועט עס זיין א תועלת. און חלילה חלילה, טאמער ס׳איז געווען א מכשול און האסט גערעדט איין ווארט אין מקוה, מכניסתו עד יציאתו, זאג איך דיר אן א צוואה אז דעם טאג זאלסטו נישט טובל׳ן פאר מיר, ווייל ס׳קען חלילה זיין א נזק פאר אונז ביידן, חס ושלום. אויף דעם ביסטו מסכים?״**

חיים מענדל שפירט שוין אז זיין ישועה איז תלוי אין דעם, און אוודאי, גיט ער א שריי ארויס דריי מאל, ״יא! יא! יא! רבי, איך נעם זיך אונטער!״ נו, אויב אזוי זאל זיין מיט הצלחה, איך וועל שטיין אין מיינע תנאים, און דו שטיי אין דיינע תנאים.״

דער רבי געבט אים א פעדער און פאפיר און ער זאגט אים אויפצושרייבן אויפן צעטל די אפמאך מיט די תנאים, ער האט אים געזאגט צו שרייבן, **״דו טובלסט דיך יעדן טאג א טבילה פאר משולם פייש בן צירל הלוי מטאהש״** (ווייזט אויס אז דער רבי האט געוואלט ער זאל אזוי געדענקען יעדע מאל אז ער איז מקושר צום רבי׳ן, און אז דער רבי טוט עפעס פאר אים.) און דער רבי הייסט אים אויך אויפשרייבן די תנאים ״אז ער וועט זיך טובל׳ן נאר אין א טאג וואס ער היט זיך די אויגן און די מויל אין מקוה״.

דערנאך בעט אים דער רבי, ״יעצט שרייב אויך אויף דיין נאמען, איך זאל עס געדענקען פאר מיר, איך דארף דאך זיך טובל׳ן פאר דיר״. האט ער טאקע אויפגעשריבן פארן רבי׳ן זיין נאמען און מאמעס נאמען ״חיים מענדל בן צירל הלוי״. און דער רבי גיבט א קוק, ״אה מיר זענען דאך זייער נאנט, מיר האבן א שטארקע שייכות, ביידע מאמעס האבן געהייסן צירל, איך בין א לוי, דו ביסט א לוי, זענען מיר דאך ממש נאנט, ממש איין משפחה, א גוטע שותפות געשעפט״...

דער רבי האט אים אנגעוואונטשן מיט א ווארימע ברכה, ״עס וועט זיין ישועה קרובה לבוא, דער אייבערשטער וועט העלפן אז דו וועסט שטיין אין די תנאים, וועסטו זוכה זיין צו אויפשטעלן דורות ישרים ומבורכים לאורך ימים ושנים טובים, וועסט זוכה זיין מיט בני חיי מזוני רויחי, וועסט האבן פרנסה בריווח מיט אסאך אסאך סייעתא דשמיא.״ און דער רבי זאגט אים, ״אז כל זמן דו וועסט מקיים זיין דעם תנאי, מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף וועל איך אויך שטיין אין דעם וואס איך האב ארויסגעזאגט יעצט, אז מיט אחריות אז עס וועט נתקיים ווערן די ברכות.״

חיים מענדל דערציילט אז ער איז ארויס פון רבי׳ן שמח וטוב לב, אן אפענע טשעק באקומען פון רבי׳ן מיט אזעלכע ברכות... אבער וואוסענדיג אז ער האט מקבל געווען נישט קיין גרינגע זאך, ער איז דאך געווען לייידער צוגעוואוינט צו קוקן און שמועסן אסאך אין מקוה, האט ער פשוט געבעטן פונעם רבוש״ע: **״עזרי מעם השם, העלף מיר ארויס לעשות רצון צדיק, איך זאל קענען שטיין אין די תנאים, איך וויל דער נסיון זאל אריבערגיין בשלום, און קענען אויספירן דעם תנאי פונעם געשעפט מיטן רבי׳ן א גאנץ לעבן.**

אזוי ווי דאס איז שוין געווען גאר שפעט ביינאכט איז ער שוין נישט גלייך צוריקגעפארן מוצאי שבת, נאר געבליבן איבערנעכטיגן אין טאהש. דעם קומענדיגן אינדערפרי נאך שחרית, און אוודאי נאך א מקוה כדבעי איינגעהאלטן אינגאנצן דעם תנאי, איז איינער צוגעקומען צו אים רעדן, און הערנדיג אז ער פלאנט שפעטער אהיימצופארן האט ער אים געזאגט אז ער מיינט אז ער זאל דא בלייבן נאך אביסל ווייל ער טראכט עפעס וואס קען זיין פאסיג. די ישועה איז געגאנגען מיט א מורא׳דיגע שנעלקייט, די הצעה האט זיך גערוקט ווייטער, מ׳האט גערעדט מיט וועמען מ׳האט געדארפט רעדן, און מיט די הסכמה פון רבי׳ן איז און נאך יענעם ליל שישי עש״ק געשלאסן געווארן דעם שידוך בשעה טובה ומוצלחת!

דערציילט חיים מענדל אז די מעשה האט פאסירט אין יאר תשנ״א, און פון יענעם זונטאג אינדערפרי נאכן אפמאך מיטן רבי׳ן האט ער זייט דעמאלט שוין איבער 34 יאר, נישט פארפעלט צו גיין אין מקוה קיין איינציגן טאג, אויסער תשעה באב און יום הקדוש, און ער האט ב״ה מקיים געווען דעם תנאי במילואו! ״ס׳זאגט זיך זייער גרינג״ זאגט ער, ״אבער ס׳איז נישט געווען אזוי גרינג...״ פארשטייט זיך אז ס׳איז געווארן גרינגער שפעטער, אבער ער האט זיך אנפאנג געדארפט ממש ברעכן מיט מסירת נפש, און אפי׳ היינט דארף ער זיך נאך עקסטער היטן יעדן טאג.

מיטן כח פון א קבלה און פון זיין תפילה וואס ער האט מתפלל געווען, האט ער זיך געהאלטן מיט א געוואלדיגע מסירת נפש יעדן איינציגסטן טאג, און זייט דעמאלטס האט ער נאך קיין איין מאל נישט גערעדט א ווארט אין מקוה! ער פירט זיך

מיט א געוואלדיגע השתדלות, זוכט שטילע פלעצער אדער גייט פארטאגס ווען ס'זענען דא ווייניג מענטשן, און זיין מויל איז שטענדיג פעלזן־פעסט פארמאכט. ער האט דאס איינגעהאלטן יעדן טאג ביז די פטירה פונעם הייליג'ן רבי'ן ז"ך מנחם אב תשע"ה, און ער האלט עס אן ווייטער מיט א שטארקייט ביזן היינטיגן טאג.

"דער רבי איז געווען זייער קלוג" זאגט ר' חיים מענדל, ווייל דאס היטן זיך אינעם מקוה האט משפיע געווען אויף זיין גאנצן טאג אין שמירת עינים, נישט דווקא אין מקוה. ער האט זוכה געווען אויפצושטעלן א שטוב מיט אכט קינדער, "אלע זענען ברוך ה' מוצלחים, געזונטע און שיינע קינדער", וואס אלע זענען חתונה געהאט יונגערהייט מיט גרויס נחת והרחבה און קיין שום חובות. א ספעציעלע ברכה האט ער געזען ביי זיינע קינדער אין די ישיבות, וואו מען האט פשוט "געווארט" אויף זיי און ער האט קיינמאל נישט געדארפט מוטשען פאר א פלאץ.

ער איז שוין געווארן מחובר צום רבינ'ס הייליגע ספרים "עבודת עבודה" און לערנט כסדר דערינען, און בפרט דעם תורה פון פתגמי קודש פרשת אמור, זאגט ער, האט ער שוין געלערנט הונדערטער מאל, "איך קען עס אויסענווייניג, אפי' אינמיטן די נאכט אז איך וועק מיך אויף, קען איך עס נאכזאגן פונקטליך ווי אשרי און עלינו לשבח". און אזוי איז ער מחנך ווייטער זיינע קינדער דערמיט, אז זיי זאלן וויסן אז זיין גאנצע הצלחה איז תלוי אין דעם.

זאל דער אייבערשטער העלפן מיר זאלן אלע האבן דעם כח זיך צו שטארקן, און אז מ'ווייסט אז די גאנצע הצלחה איז תלוי אין דעם, פארמאכט מען זיך די מויל אין מקוה, בזכות דעם, און בזכות מרן רביה"ק מרן "משולם פייש בן רבי מרדכי הלוי וצירל" זי"ע, זאלן מיר אלע טאקע זוכה זיין צו אלע ישועות וברכות, ועל ידי זה יושפע שפע רב, לטהרינו לקדשינו בקדושה העליונה אמן סלה.

בכבוד רב, (-)


מזל טוב

בעזהשי"ת

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו

קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה

אברכה את ה' בכל עת, על כל פלא ונס, שכן חובת כל היצורים להודות לעלה ולקלס
רחמיו וחסדיו מרובים בחמלתו עלי, עד הנה עזרונו עד בלי די, ואל יטשנו לנצח קל חי
הזמנה מילתא היא לקרובים וידידים, ליום הזה להיות עתודים, בעינן לכם הכל מודים
מחיל אל חיל תלכו במדותא, משמחת קבלת אורייתא, לשמחת יחוד קוב"ה ושכינתא
מראש הרריהם יופיעו בהגיע תור, האבות הקדושים מאורי אור, מגיני ארץ מדור דור
דביה מלכא בגילופין כשורק יזרח, עמהם נגיל ונשמח, וה' בטובו שערי שמים יפתח
כי ביום הזה נודה לו בשיר והלל, ובבנין בית נאמן בישראל, נזכה לקרב ביאת הגואל

הננו בזה להזמינכם לבוא ולהשתתף בשמחת כלולות בתנו

הכלה הבתולה המהוללה

מרת **סימא רחל** תחי'

עב"ג החתן הבחור המופלג

הרב **אברהם מרדכי** שליט"א

בן מחותני וש"ב פאר מקדושים
כש"ת הרה"צ מוהר"ר **ישראל יצחק סאפרין** שליט"א מבית שמש ת"ו
בן כ"ק **אדמו"ר מקאמארנא** שליט"א
וחתן כ"ק **אדמו"ר מהרי"י אשלג** זצוק"ל

שנועדה להתקיים ברצו"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום **שני** לסדר "כי ה' דיבר טוב על ישראל" (בהעלותך)
**ט' בסיון** תשפ"ו לפ"ק
באולם **היכלי מלכות** רח' שלמה המלך 18 **בני ברק** ת"ו
קבלת פנים בשעה 6:00 החופה בשעה 7:00 מבעוד יום

נשמח לראותכם בשמחתנו להאציל מברכותיכם עלינו
ובעת ה' שמחה באהליכם ישמח לבנו גם אנו

**משה רויטמאן וב"ב**
גבעת זאב ת"ו
בלאאמו"ר הגה"צ רבי חיים יחיאל זצללה"ה
וחתן הגה"צ גאב"ד חליסה שליט"א

בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה

בשבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
מתכבדים אנו להזמין את מעלת כבודכם שיחיו
לבוא להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים

הבחור החתן המופלג בתוי"ש

חיים נחום ני"ו

עב"ג הכלה הבתולה המהוללה

בת שבע פרומט תחי'

שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ב' לסדר 'יברכך יאר ישא' (נשא)
ט' סיון תשפ"ו לפ"ק ולמספרם (May 25)
קבלת פנים בשעה 6:45 והחופה בשעה 7:45
הסעודה אחר החופה
באולם בית צירל
251 RUE BETH-HALEVY, BOISBRIAND, QC
וה' הטוב ישפיע גם עליכם שמחה מתוך נחת והרחבה
ידידכם המחכים לקראת בואכם לשלום

הורי החתן
נפתלי יהודה לייבוש מערמעלשטיין וב"ב
קרית טאהש יצ"ו

הורי הכלה
ישראל מרדכי פעלבערבוים וב"ב
קרית טאהש יצ"ו

אל מעלת כבוד חברינו וידידינו הנאמנים, אנשי שלומינו תלמידי וחסידי כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע, ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

**נתכבד בזה להזמינכם לבוא ולהשתתף ולהתעלס באהובים בעת שמחת נישואי צאצאינו היקרים, בזמן ובמקום המוגבל הנ"ל, ובעזרת השם בעת שמחתכם ומועדיכם ישמח לבנו גם אנו.**

המחותנים

אריינצולייגן אייער הזמנה ביטע רופט אריין צום מערכת
**718.451.8674**
עקסטענשאן 840


קול צהלה ורנה שפתינו תרננה
ביקרא דאורייתא
ובשמחה רבה נביע בזה כסא דברכתא
לעילא מכל שירתא לכבוד האי גברא רבא ויקירא,
מומחה בשדה החינוך והרבצת התורה ברוב כשרון חכמה
ותבונה, בקי נפלא מופלג בכל מכמני התורה, מותיקי תלמידי רבינו
הקדוש זיע הדולה ומשקה לתלמידים במסירות רבה ונאמנה דרכי
עבודת עבודה, איש המעש ורב הפעלים ומסור בכל לב ונפש להצלחת
והתעלות התלמידים מעלה מעלה, חכמת אדם תאיר פניו, צנא מלא
ספרא וחובר חיבורים מחוכמים, וכתר שם טוב עולה על גביהן
הרב הגאון המופלג רבי
מנחם מענדל סג"ל גאלדשטיין
שליט"א
מנהל רוחני דישיבתינו הקדושה
לרגל שמחת אירוסי בנו
החתן החשוב המופלג בתוי"ש יצחק אייזיק יחיאל סג"ל ני"ו
ממצויני תלמידי ישיבתינו הק' אוה"ח
עב"ג בת הרב מרדכי שבתי ווייס שליט"א
למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ברכותינו העמוקות למעלת כבוד המנהל שליט"א שתרוה רב תענוג ונחת דקדושה מהם ומכל
יוצ"ח החשובים, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות בנחת ובניקל, ותוכלו להרבות יתר
פעלים רבים לתורה ועבודה, לחנך ולגדל לגיון של מלך ע"ד הקודש עבודת עבודה בניקל
ובהצלחה מרובה, עדי נזכה כולנו יחד במהרה לאורו של משיח צדקינו ומלכינו בראשינו בב"א
השמחים בשמחתכם בכבוד ובהערצה
תלמידי הישיבה


ויגדל ה' את שלמה למעלה
בס"ד
מיטב ברכותינו ברכת התורה, בברכות ואיחולים,
ושיר הילולים, ירננו לשמו ויזמרו, קדם מעלת כבוד
האי גברא רבא מעוז ומגדל, חריף ובקי טובא בכל מכמני התורה,
מעמיד תלמידים הגונים, להגדיל תורה כל מגמתו, מסור בכל
לב ונפש להצלחת כל התלמידים, שיעוריו ודרשותיו הנפלאים
והנחמדים נאמרים בלשון צח ובהיר בשפה נעימה וברורה,
המאירים לב התלמידים
הרב הגאון המפורסם
דומ"ץ קהלתינו ק"י שליט"א
ר"מ בישיבתינו הקדושה
קול ששון ושמחה במעונו, דיצה
בארמונו, שהשמחה בביתו שורה,
בחדוה ואורה
בהולדת נכדו
אצל בנו הרב אלתר משה שליט"א
למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
קולינו נרים בתפלה למרום מעומק הלב, יוסיף ה' ככה
אלף פעמים ברכה ורוחה לרוב, ויזכה לרוות רוב נחת
דקדושה ממנו ומכל יוצ"ח החשובים המסולאים בפז, כי
בי ירבו ימיך ויוסיפו שנות חיים, ביתר שאת להרבצת תורה
בתלמידים הגונים, עדי נזכה לקבל פני משיח בן דוד הולך
תמים, ומלכינו בראשינו אנס"ו.
המברכים ברגשי כבוד והכרת הטוב
תלמידי הישיבה — רמ"י הישיבה
הנהלת הישיבה
ישיבה גדולה
תורת משולם פייש ד'טאהש - נ.י.


בעזהשי"ת
איחוד
טאהש
פרנס החודש
כל זכותים האלו, למשך החודש הבא עלינו
נקנה ונתנדב על ידי ידידינו החשובים והנכבדים
ראשונים לכל דבר שבקדושה למען קהלתינו ומוסדותינו הקדושים
משפחת מערמעלשטיין
החשובה והנכבדה
שקנו זכות האדיר
פרנס פעולות האיחוד
לחודש סיון
לעילוי נשמת אביו/זקינם היקר והחשוב
הרה"ח ר' חיים נחום בן ר' יהודה ז"ל
היארצייט חל ביום ה' נשא - י"ב סיון הבעל"ט
ולעילוי נשמת חותנו/זקינם היקר והחשוב
הרה"ח ר' צבי ארי' בן ר' ישראל ז"ל
ששחל"ח ביום ט"ז חשון דהאי שתא בשם טוב ובשיבה טובה
אשריכם וטוב לכם! הזכותים אדירים יעמדו לכם ולזכותכם!
מה טוב חלקכם וחבלכם בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד
תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו


ויושר יליצו בעדינו חיות אש
בס"ד
נסיעה
טאהש-אונגארן
ליומא דהילולא קדישא של
רבינו השרף מרן משולם פייש זי"ע
בשב"ק פר' שלח, כ"ח סיון הבעל"ט
אין באגלייטונג פון נכד בעל הילולא, פה מפיק מרגליות
הגאון רבי שלמה יונגער שליט"א דומ"ץ טאהש ק"י
סדר הנסיעה בע"ה:
מ'פארט ארויס
דינסטאג נאכמיטאג
פר' שלח
June 9
מ'וועט זיין צוריק
זונטאג נאכט
פר' קרח
June 14
שב"ק שלח וועט מען פראוון אין
חצר הקודש טאהש-אונגארן
מ'וועט פוקד זיין די ציונים הקדושים אין:
ליזענסק // קאמארנא // פרעמישלאן // זידיטשוב //
מונקאטש // קאסאן // אוהעל // קערעסטיר // קאלוב //
ראצפערט // טשענגער
$2,890 usd
אלעס אריינגערעכנט, פליגער, יעדע נאכט האטעל, רואיגע תפלות,
מקוה, טעגליכע ווארימע סעודות, אש"ל מלא
די ביליגע פרייז איז גילטיג ביז פרייטאג פר' נשא May 29
רעזערווירט ווי שנעלער
ווילנער טרעוועל
718-989-1155




## א טיפערע אריינבליק איבער די רוחניות'דיגע אנטוויקלונגען בישיבה של רבי

# ילכו מחיל אל חיל: זמן הקיץ אנגעהויבן מיט א זעלטן הצלחה און התמדת התורה

אריבערטרעטענדיג דעם שוועל פון היכל ישיבתינו הק', שפירט זיך תיכף ומיד אין די לופט די געוואלדיגער ערנסטקייט און פרישקייט וואס הערשט צווישן די תלמידים, טראץ וואס מען האלט שוין איבער א חודש אריין אינעם זומער זמן, דאך קען זיך עס דאכטן אז מען האלט נאך ממש ביים אנהייב פון דער זומער זמן.

עס זעהט זיך קלאר אן אז דא רעדט מען פון ריכטיגע דערהויבענע תלמידים, מיט א ערנסטקייט און חסידישער ברען אין די בלוט אויף תורה און עבודה, אזויווי רביה"ק האט שטענדיג געפאדערט, און עס ווערט כסדר דערמאנט דורך ריש מתיבתא קדישא כ"ק רבינו שליט"א.

בין כותלי ישיבתינו הק' איז נישט פארהאן א מושג ווי א 'פשוט'ער טאג'. יום יום ווערט אויסגענוצט און אנגעפולט מיט עבודת השם און סדרי הלימוד תמידים כסדרן, מן הבוקר ועד הערב, קיין נפקא מינה צווישן זונטאג דינסטאג און דאנערשטאג.

פון די פריע פארטאגס שעות איז שוין דער היכל הבית מדרש פול מיט די דערהויבענע בחורים. נאכן זיך מקדש און מטהר זיין אין מקוה און א פלאקערדיגער ברכת התורה זעצט מען זיך אויף א ערנסטער סדר הלימוד כהכנה דרבה צום עבודת התפילה, ווי רביה"ק ברענגט נאך אין עבו"ע בשם די פריערדיגע צדיקים זי"ע: 'עס איז נישט פארהאן קיין גרעסערע הכנה צום דאווענען ווי א בלאט גמרא'.

דער בית המדרש קאכט זיך אין די גמרות און לאנגע רשב"ם'ס אין פרק 'המוכר את הספינה', דורכטועענדיג די דקות'דיגע גדרי הקנינים פון משיכה און מסירה אזש עס גייט א רויעך פון דער אש התורה.

נאך א געשמאקער סדר הלימוד שטעלט מען זיך צו א דערהויבענעם תפילת שחרית מיט א חסידישער ברען און קאך, און מיט'ן טאהש'ן פלאם קאכט א פסוקי דזימרה, א קריאת שמע באימה וביראה, און אזוי ווייטער.

נאך א פלינקער פת שחרית, זיך אנצופילן מיט פיזישע כוחות אויף די קומענדיגע שעות אנגעפולט מיט תורה, זעצט מען זיך צוריק אין בית מדרש אויף דער סדר 'שיעור עיון. עס איז ממש א גן עדן צוצוזעהן ווי די בחורים הארעווען איו די סוגיות אין מסכת סוכה מיט א פלייס. אנגעהויבן פון די גמרות און ראשונים מיט א געשמאק, פון די סוגיות קומט מען צו, צו די סוגיות הלכה למעשה ממש, אויף א בחינה פון אם ישאלך אדם אל תגמגם ותאמר, אלא אמור לו.

נאכמיטאג סדר איז מען ממשיך לערנען בהתמדה די פעסטע סוגיות אין מסכת בבא בתרא, ווי מען איז ממשיך פון די ווינטער זמן אין פרק יש נוחלין, וואו מען לערנט בלאט נאך בלאט מיט א בקיאות און ידיעות התורה.

את מי יורה דעה: נאך א לאנגער טאג אנגעפולט מיט עבודה און שעות על גבי שעות פון לימוד התורה בהתמדה, זענען די בחורים בכלל נישט מיד. איבער די גרויסע טור שולחן ערוך'ס הארעוועט מען אין די דקות'דיגע כללים פון שולחן ערוך יורה דעה - מען איז זיך משלים אין די סאמע שווערע הלכות תערובות. וואו די בחורים ווייזן ארויס גרויס בקיאות און חריפות אין די וויכטיגע אקטועלע הלכות חמורות שבאיסור והיתר.

## שומרי ומצפים שבת קדשיך - נייע סדר הלימוד אין די לענגערע ערב שב"ק

אין די יעצטיגע לענגערע זומער חדשים, ווען די טעג זענען קורצער און דער זמן איז שפעטער, נוצן די בחורים אויס די צייט אין די לענגערע ערב שבת נאכמיטאגס מיט א ספעציעלן סדר הלימוד אלץ הכנה דרבה צום שבת קודש הממשמש ובא.

צו דעם פרישע זמן איז איינגעפעדמעט געווארן א נייע פעסטע סדר הלימוד אין די פרייטאג'ס, ווען במשך א לענגערע סדר הלימוד לערנט מען נאך סימנים אין יורה דעה הלכות תערובות, כדי מען זאל קענען אנקומען צום ציל און ענדיגן די גאנצע מקצוע סוף יאר און זיך עס קענען פארהערן. בא שבת בא מנוחה, ואין מנוחה אלא תורה הקדושה.

ווען דער זמן כניסת שבת דערנענטערט זיך, קומט פאר דער געוועגליכע סדר הלימוד דרבים אינעם בית המדרש הגדול, וואו מען לערנט ספרי חסידות זיך צוצוגרייטן צום שבת מיט די דברי הדרכה פון רבותינו הקדושים והטהורים תלמידי הבעל שם טוב, ללמוד על מנת לשמור ולעשות ולקיים. פארשטייט זיך אליינס אז נאך אזא הכנה דרבה פון לענגערע שעות תורה מתוך טהרה וקדושת השבת, אז די בחורים טרעטן אריין צום שבת קודש מיט גאר העכערע מושגים און געפילן ווי עס פאסט פאר א טאהש'ער בחור מתלמידים הקרויין בנים פון אבינו רועינו רבינו הקדוש זי"ע, ולהבחל"ח כ"ק מרן רבינו עטרת ראשינו שליט"א.

*

## דרשת פתיחת הזמן

צו דער געווענטליכער פרישקייט וואס הערשט אין דער אנהייב פונעם נייעם זמן, האט הרה"ג המנהל שליט"א אויפגעטרעטן מיט א גאר יסודות'דיגע דרשת פתיחת הזמן פאר די תלמידים, דער מנהל האט מיט זיין מתק לשון לימודים ארויסגעברענגט מיט א קלארקייט די יסודות און הנהגות וויאזוי עס דארף זיך אויפפירן א חסידישער בחור בין כותלי ישיבתינו הקדושה.

ספעציעל האט די מנהל שליט"א מדגיש געווען עטליכע וויכטיגע נקודות ישרות, אשר יעשה אותם וחי בהם. צום ערשט דארף מען וויסן אז צוצוקומען צו די מדריגה פון חשקת בתורה, דארף מען פיל הארוען און לערנען תורה הקדושה ברציפות ובשנינות מיט א התמדה, דורך דעם קומט מען צו זוכה צו זיין צו דעם דרגה פון חשקת התורה.

עקסטער האט דער מנהל שליט"א פארגעלערנט עטליכע אויסצוגן פון ספר הקדוש עבודת עבודה וואס רעדן ארום איבער די וויכטיגע ענינים העומדים על הפרק, אשר יעשה אותם האדם וחי בהם, וואס שפיגלט ריכטיג אפ וויאזוי א טאהש'ע בחור דארף זיך צו פירן, און וואס עס פארלאנגט זיך פון א תלמידי הישיבה. און אזוי אויך פארגעלערנט עטליכע שטיקלעך אין ספר הקדוש מסילת ישרים, זייענדיג משנן און מדגיש די וויכטיגע יסודות פון "מה חובתי בעולמי" מיט א שטארקייט און קלארקייט.

*

## אש קודש: הילולא קדישא של רבינו אייזיק'ל מ'קאמארנא זי"ע

דעם פארלאפענעם מאנטאג אמור - י' אייר תיכף נאכן תפילת שחרית האבן זיך די תלמידים געזעצט צו א דערהויבענעם סעודת יארצייט ולחיים, לרגל די יומדהל"ק פון רבינו איש אלוקים דער הייליגער רבי ר' אייזיק'ל מ'קאמארנא זי"ע.

הרה"ג המשפיע רבי אלימלך סג"ל לאווען שליט"א, האט במתק לשונו ארומגערעדט במשנתו פונעם בעל ההילולא, ארויסברענגענדיג דעם טיפן קשר פון רבותיה"ק צום הייליג'ן בעל ההילולא, און די לימודים למעשה וואס יעדער בחור קען ארויסנעמען פארן טאג-טעגליכן לעבן בעניני עבודת השם.

דערנאך האט אויפגעטרעטן דער חשוב'ער מגיד שיעור, הרה"ג ר' יעקב סג"ל קרויס שליט"א, וועלכער האט ארומגערעדט איבער די התחדשות פון חבורה "קנין שלם" צום יעצטיגן זומער זמן, ספעציעל געווידמעט פאר די בחורים תלמידים פון שיעור א'. די חבורה איז אוועקגעשטעלט געווארן מיט א קלארן ציל זיך אויסצוקלארן און איינ'חזר'ן גאנץ מסכת סוכה אין די פרייע צייטן, מען וועט חזר'ן ביז מען וועט זיך קענען פארהערן דערויף בעל פה מיט א שלימות'דיגער קנין. אויך האט דער מגי"ש ווארעם ארויסגעברענגט איבער דעם געוואלדיגן קשר פונעם קאמארנער צו די קדושת התורה.

דעם המשך המעמד האט ווייטער געצויגן דער מגיד שיעור, הרה"ג ר' חיים סג"ל קרויס שליט"א, וועלכער האט גערעדט איבער די התחדשות פון חבורת "קנין שלם" געווידמעט פאר תלמידי שיעור ב'. די חבורה גייט שוין ארויף א שטאפל, ווען מ'טוט איבערחזר'ן די לימודים פון פאראיאר, מיט דעם ציל זיך צו קענען פארהערן אויף גאנץ מסכת בבא בתרא ישר והפוך בעל פה! די מגי"ש האט אריינגעבלאזן א פרישע חיות אין די בחורים און זיי מחזק געווען אריינצוקומען מיט אלע זייערע כוחות אין דעם גלאררייכן פראיעקט.

*

## פרישע חבורה 'אדיר במליחה'

די הערליכער קייט פון די פילע אייגנארטיגע חבורות אין ישיבה הערט נישט אויף צו ווערן געשפינט אויף ווייטער, ווען צום נייעם זמן האט זיך געפענט א פרישע חבורה "אדיר במליחה" פאר תלמידי שיעור ג'.

א פרישע גאלדענע רינגעלע איז דעם זמן צוגעקומען ספעציעל פאר די בחורים פון שיעור ג', מיט דער חבורה "אדיר במליחה", ווען נאכ'ן אדורכלערנען דעם פאריגן זמן גאנץ הלכות מליחה, האבן זיך די בחורים העפטיג אריינגעווארפן אין די לימודים מיט אן אויסערגעווענליכן פלייס איבערצוגיין און זיך זעלבסט קלאר צו מאכן אין די קאמפליצירטע סוגיות פון הלכות מליחה, מיט דעם ענדגילטיגן ציל צו קונה זיין די הלכות אויף אזוי ווייט, און מיט'ן ענדגילטיגן ציל צו קענען ענדיגן און זיך פארהערן די גאנצע הוראה בס"ד.

*

## יומי דהילולא: הילולת הרה"ק רבי אליעזר'ל מקאמארנא זי"ע

אין א פרישן געלעגנהייט זיך צו קלאמערן ארום די קדושת צדיקים, איז פארגעקומען די פארלאפענע מאנטאג במדבר א מסבית לחיים לרגל די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן רבי אליעזר'ל מקאמארנא זי"ע.

נאכן דאווענען איז פארגעקומען א דערהויבענער "לחיים" בשבת אחים גם יחד. דער משפיע הרה"ג רבי אלימלך סג"ל לאווען שליט"א האט ווייטער משפיע געווען צו דעם עולם ארומרעדנדיג סיפורי צדיקים, עובדות והנהגות, און ארויסגעברענגט דעם שלשלת הקודש והתקשרות לבית קאמארנא.

*

## ליל שישי:

ליל שישי שפירט זיך שוין די בואו ונצא לקראת כלה אין די לופטן, ווען עס קומען פאַר די וואַרימע חסיד'ישע חבורות ליל שישי, ווי מ'גרייט זיך צום שב"ק מיט שיינע חסיד'ישע ווערטער אויף די פרשה ומענינא דיומא, און וואַרימע שירות ותשבחות וועלכע וועקן אויף די נשמה סטרונעס צו אַנטפּאַנגן דעם שבת מלכתא, די בחורים פון שיעור א' דערקוויקן זיך מיט די וואַרימע חבורה אָנגעפירט דורך הרה"ג רבי יעקב אלימלך לייפער שליט"א, און די תלמידי שיעור ב' און שיעור ג' שעפּן זיך אָן מיט אַ חיות דקדושה ביי די חבורה אָנגעפירט דורכן משפיע רוחני בישיבתינו הק' הרה"ג רבי אלימלך לאווען שליט"א.

*

## הכנה לקבלת התורה

דעם פארלאפענעם ליל שישי ערב ראש חודש סיון מוקדם, זענען די תלמידי הישיבה ארויף צום ציון הקדוש פון רבינו הק' זי"ע לאמירת כל ספר תהלים, אלס א שטארקע הכנה צו קבלת התורה דעם גרויסן יום טוב שבועות.

נאך אמירת תהלים האט מען אינאיינעם געזונגען ניגוני התעוררות, און דעם ווארימען אויסגעוויקטן אהבה רבה, צעגייענדיג מיט בענקשאפט און געגועים צו אבינו שבשמים. נאך דעם האט דער משפיע הרה"ג ר' אלימלך סג"ל לאווען שליט"א משמיע געווען דברי התעוררות, און מען האט מעתיר געווען בתפילת השל"ה הקדוש פאר הצלחה בתורה וברוחניות.

נאכ'ן דערהויבענעם עלי' לציון, איז פארגעקומען א גרויסע חבורה פאר אלע תלמידי הישיבה, פול מיט דברי חיזוק והתעוררות און התלהבות החסידות, מיט געשמאקע שמועסן און פרייליכע ניגונים, וואס האט איבערגעלאזט א טיפן רושם, און ארייגעבלאזן חיזוק און כוחות אויף ווייטער אריינצוגיין אין חודש סיון אלס כלי מוכן לקבלת התורה מתוך דבקות ושמחה.

*

## על התורה ועל העבודה - דברי הדרכה לתלמידים

דעם היינטיגן ראש חודש סיון האט מרן רבינו שליט"א מעריך געווען שלחנו הטהור ספעציעל פאר די תלמידי הישיבה גדולה, ווען אינאיינעם מיט די תלמידי הישיבה קטנה האבן זיך די בחורים צוזאמענגענומען צום ראש חודש טיש כהכנה לקבלת התורה.

דער טיש איז דורכגעפירט געווארן ברוב התרוממות און התעוררות, ווען די בחורים האבן געזונגען ווארימע און הארציגע ניגוני תורה, ניגוני התעוררות און ניגוני הכנה לחג השבועות, וואס האבן אריינגעגעבן א באזונדערע הרגשה פון הכנה און כיסופין צו די הייליגע טעג.

**במשך דעם טיש האט מרן רבינו שליט"א אויפגעטרעטן מיט דברי פתיחת הזמן, און אויסגעשמועסט יסודות'דיגע הדרכות פאר די תלמידים. צווישן אנדערע האט דער רבי שטארק מעורר געווען איבער התמדת התורה, אז א בן תורה דארף אויסנוצן יעדע מינוט פאר תורה און זיך שטעלן א קלארן סדר הלימוד מיט התמדה און שקידה.**

**ווי אויך האט דער רבי מעורר געווען איבער עבודת התפלה, אז תפלה דארף זיין מיט א געפיל און הכנעה, און אז דורך א ריכטיגע עבודת התפלה קען א בחור דערגרייכן מדריגות אין יראת שמים און עבודת ה'. באזונדער האט דער רבי ארויסגעברענגט די וויכטיגקייט פון דרך ארץ קדמה לתורה, אז דער יסוד פון א אמת'ער בן תורה איז איידלקייט, דרך ארץ און רעספעקט פאר יעדן מגידי שיעורים ומנהלים.**

**מרן רבינו שליט"א האט אויך גערעדט איבער די גרויסע חשיבות פון ישיבתינו הק', וואס טראגט דעם נאמען "אור החיים" און די געוואלדיגע סגולת המקום וואס רבינו הקדוש האט איינגעפלאנצט ביים התייסדות הישיבה באגלייט יעדע בחור, פון וואו די תלמידים קענען שעפן יראת שמים, מוסר און קדושה, וואס בלייבן מיטן מענטש אויף א גאנץ לעבן.**

*

## והיו נכונים ליום השלישי - סדרי הלימוד כהכנה לקבלת התורה

לקראת די געהויבענע טעג פון חג השבועות הבעל"ט הערשט א באזונדערע התעוררות און הכנה צווישן תלמידי ישיבתינו הק', ווען די תלמידים גרייטן זיך מיט גרויס חשק און התמדה צו מקבל זיין די תורה הקדושה מתוך התמדת התורה.

אויך היי יאר וועלן די תלמידי הישיבה זוכה זיין צו פראוועגען די הייליגע יום טוב בצל הקודש פון מרן רבינו שליט"א, ווען מטעם הנהלת הישיבה ווערט צוגעשטעלט אלע נויטיגע באדערפענישן בבנין הישיבה ברוחניות ובגשמיות, כדי מען זאל קענען אויסנוצן די יו"ט בתורה ועבודה והכנה ליום הגדול והנורא זמן מתן תורתינו.

אלס הכנה לקבלת התורה איז אין די טעג געלאזט געווארן צווישן כותלי הישיבה א פלאמעדיגע און לעבעדיגע "מבצע הכנה לקבלת התורה", וועלכע האט אריינגעברענגט א שטארקע התעוררות צווישן די בחורים. אין לויף פון די טעג זיצן די תלמידים שעות רצופות על התורה ועל העבודה, מיט א געוואלדיגע התמדה און שקידה, ווען יעדער איינער שטרעבט מוסיף צו זיין אין לימוד התורה כהכנה צום גרויסן טאג פון קבלת התורה. ספעציעלע פלאקאטן און דברי חיזוק, וועלכע זענען אויפגעהאנגען געווארן בין כותלי הישיבה, ווארעמען אן די הערצער פון די תלמידים און דערמאנען כסדר די הייליגע אחריות זיך צו גרייטן בכבוד הראוי לקראת יום טוב שבועות.

די אויר אין ישיבה איז אין די טעג גאר געהויבן און דערהויבן, ווען מען קען שפירן צווישן די תלמידים א באזונדערע התלהבות אין תורה ותפלה. די קול התורה הערט זיך אין אלע ווינקלען פונעם בית המדרש, און די תלמידים ניצן אויס יעדע מינוט זיך מחזק צו זיין אין תורה, יראת שמים און עבודת השם, מתוך שאיפה אנצוקומען צום יום טוב מיט א ריינע און גרייטע הכנה.

א באזונדערע התרגשות הערשט לקראת יום ערב שבועות, ווען די תלמידים וועלן האבן די זכי' אז מרן רבינו שליט"א וועט קומען באזוכן בהיכל ישיבתו, און די תלמידים וועלכע האבן זיך אויסגעצייכנט מיט א גרעסערע סכום שעות לימוד במשך די ימי ההכנה וועלן האבן די באזונדערע זכי' צו איבערגעבן זיין קוויטל פאר מרן רבינו שליט"א, כדי דער רבי זאל אינזינען האבן יעדן תלמיד בפרטיות במשך די הייליגע יו"ט שבועות, און מתפלל זיין פאר הצלחה בתורה, יראת שמים און סייעתא דשמיא בכל הענינים.

# בהיכל הישיבה

א בליק
אינעם תורה פעסטונג
**ישיבה גדולה**
**תורת משולם פייש**
**ד'טאהש**
ניו יארק יע"א

## צווייטע זמן פון ישיבתינו הקדושה אנגעהויבן ב"ה מיט א געוואלדיגע התחדשות, און אויסטערלישע הצלחה העכער אלע ערווארטונגען

אנגעפאנגען נייע פרקים ממסכת בבא מציעא ביי אלע שיעורי הישיבה - שיעור עיון פרק המפקיד - שיעור פשוט פרק איזהו נשך - פארטאגס פרק אלו מציאות - שיעור בקיאות פרק השואל. ביי שולחן ערוך - סימן ש"ו מהלכות שבת

דער נייער זמן הקיץ האט זיך ב"ה אנגעפאנגען פארגאנגענעם זונטאג אחרי-קדושים העעל"ט מיט א געוואלדיגע התחדשות, און מען האט גלייכצייטיג אנגעהויבן ביי אלע שיעורי הישיבה נייע פרישע פרקים ממסכת בבא מציעא מיט'ן ציל צו ענדיגן די גאנצע מסכת אויף סוף יאר מיט א געוואלדיגע שלימות.

ביים סדר שיעור פשוט פארטאג'ס האט מען אנגעהויבן פרק אלו מציאות, גפ"ת. ביי שיעור עיון פארמיטאג האט מען אנגעהויבן פרק המפקיד וואס ווערט פארגעלערנט בטוב טעם ודעת דורכ'ן בארימטן מגי"ש הרה"ג ר' יואל גאנדעל שליט"א. ביי שיעור פשוט נאכמיטאג האט מען אנגעהויבן פרק איזהו נשך דורכ'ן מגי"ש הרה"צ ר' אייזיק סג"ל שליט"א בנו חביבו פון רבינו שליט"א ריש מתיבתא קדישא. ביי שיעור בקיאות האט מען אנגעהויבן פרק השואל, און ביי סדר שולחן ערוך האט מען אנגעהויבן סימן ש"ו מהלכות שבת פארגעלערנט דורך הרה"ג דומ"ץ קהילתנו הק' ק"י שליט"א וואס איז בארימט מיט זיין לשון לימודים און קלארע שיעורים הלכה למעשה.

ביי די אלע אויבן דערמאנטע שיעורי הישיבה זעהט מען אין קלארן זין דעם כח של אותו זקן מרן רביה"ק זצוק"ל ווי עס איז ממש א קידוש השם צו זעהן ווי די בחורים זיצן, און הארעווען באהלה של תורה יומם ולילה לא ישבותו פון די פריע פארטאגס שעות ווען בחורים שטייען אויף פרי פארטאג'ס נאך אסאך בעפאר די אפיציעלע סדרי הישיבה, און זענען זיך מייגע בתורתינו הק', אזוי אויך ביי די איבריגע צייטן בין הסדרים איז די ביהמ"ד כסדר פיל מיט בחורים וואס לערנען בהתמדה.

פארן יו"ט שבועות האט מען מסדר געווען א סדר החזרות אויף וואס מען האט שוין געלערנט ביז יעצט. ד.ה. ביי שיעור פשוט די ערשטע פינף בלאט פון די שווערע פרק איזהו נשך וואו די בחורים האבן עס קונה געווען בקנין שלימות. און אויך ביי סדר שולחן ערוך וואו אין די יעצטיגע טעג חזר'ט מען איבער גאנץ סימן ש"ו מהלכות שבת אויף וואס מען וועט זיך שטעלן דערויף על כור המבחן נאך יו"ט ביי א חשוב'ע דיין. אזוי אויך ביי שיעור עיון וואו מ'לערנט פרק המפקיד ענדיגט מען יעצט צו די ערשטע סוגיא, אויף וואס עס גייט זיין חזרה תיכף נאך יו"ט.

בתורת'ו יהגה יומם ולילה

## שמחות הישיבה:

החתן **נחמן חיים** נ"י בן הרה"ח ר' **יואל שלמה זלמן קליין** הי"ו - לרגל שמחת אירוסיו למז"ט

**יהא רעוא שהזיווג יעלה יפה יפה, ותהא קשר של קימא ובנין עדי עד, ותבנה בית נאמן בישראל בשמחה ובהרחבת הדעת וכל טוב סלה**

# געהויבענע באזוך פון כ"ק מרן רבינו שליט"א ריש מתיבתא קדישא במבצר ישיבתינו הקדושות אין ניו יארק




תלמיד הישיבות אין ניו יארק האבן געהאט די זכיה מקבל צו זיין את פני הקודש, און מיטגעהאלטן שמחת הנחת תפילין ותפלת שחרית דעם פארלאפענעם מאנטאג במדבר העעל"ט.

רבינו שליט"א איז אנגעקומען אין ישיבה פארטאגס, געגאנגען אין די מקוה המהודרת, און דערנאך עוסק געווען בעבודתו, און שפעטער נאך וואס אלע בחורים האבן שוין געלייגט תפילין האט רבינו שליט"א געלייגט תפילין להבחור הבר מצוה הבה"ח מרדכי שמעון נ"ו בן הרב ר' אלימלך נפתלי הירצקא סג"ל לאווי שליט"א נכד רביה"ק זצוק"ל, און באלד נאכדעם האט מען זיך געשטעלט דאווענען א פייערדיגע תפלת שחרית.

תיכף נאך תפלת שחרית איז פארגעקומען א מסיבת לחיים רבתי לרגל הנחת התפילין ולרגל די יומדהלו"ק פון הרה"ק ר' אליעזר'ל מ'קאמארנא זצוק"ל. רבינו שליט"א האט ארומגערעדט א לענגערע צייט בדברי הדרכה משולב בעניני דיומא, און ווארעם אנגעוואונטשן לתלמידי הישיבות. נאכדעם זענען אלע בחורים אריבער געבן לחיים, און נאכדעם האט מען ארויס באגלייט רבינו שליט"א מבנין הישיבה בשירה ובזמרה.

# התרוממות'דיגע נסיעה אויף יו"ט ל"ג בעומר לחסות בצילא דמהימנותא קדישא פון כ"ק מרן רבינו עטת"ר שליט"א ריש מתיבתא קדישא

אין די טעג בעפאר די נסיעה הרוממה האט זיך שוין אנגעזעהן די הכנה דרבה צום נסיעה בלימוד התורה, מען האט זיך ארויסגעלאזט על אם הדרך מאנטאג בה"ב פארמיטאג, אויפ'ן וועג האט זיך שטארק אנגעזעהן דער ובלכתך בדרך, ווען די בחורים זענען געזיצן, און געלערנט אינעם ספעציעלן קונטרס וואס איז ארויסגעקומען צו די נסיעה בדברי תורה בעניני דרשב"י.

מען איז אנגעקומען לקריתינו הק' פארנאכט'ס, מען האט זיך מסדר געווען באש"ל, און נאכדעם האט מען געהאט די זכיה צו דאווענען מיט רבינו שליט"א מנחה מעריב וספירת העומר צוזאמען מיט'ן גאנצן ציבור, נאכ'ן דאווענען האט מען מיטגעהאלטן דעם דערהויבענעם מעמד הדלקה רבתי בראשות רבינו שליט"א, די בחורי תלמידי ישיבתינו הק' זענען געשטאנען אויף די הויכשטאקיגע פארענטשעס, און זיך מיטגעפרייט בכבוד התנא אלוקי רשב"י ביז אין די שפעטע נאכט שעה'ן.

צומארגנס אינדערפרי האט מען נאכ'ן מקוה געדאווענט שחרית בביהמ"ד הפרטי פון רבינו שליט"א וואו מ'האט געדאווענט מיט א באזונדערע התלהבות בהאי יום הקדוש, ובמקום קדוש.

שפעטער נאכ'ן ארוחות הבוקר, איז געווען א סדר לימוד וואו די בחורים האבן זיך מייגע געווען באהלה של תורה בביהמ"ד הג' בלימודי הישיבה, נאכדעם האט מען געהאט די זכיה צו מקבל זיין את פני רבינו שליט"א, וואו מ'איז דורך ביי רבינו שליט"א נעמען שלום לברך ולהתברך, און נאכדעם האט מען געדאווענט מנחה. צום עמוד איז צוגעגאנגען הבה"ח אברהם ארי' מאירוביץ נ"ו מתלמידי ישיבתינו הק'.

נאכ'ן געהויבענעם מנחה איז מען ארויס צום ציון המצוינת פון מרן רביה"ק זצוק"ל אויסצו'פועל'ן אלעס גוטס, בשעת אמירת תהלים איז געווען א מורא'דיגע התעוררות, ובפרט נאך די דברות קודש פון רבינו שליט"א, און אזוי אויך נאך תהלים ביים יהי רצון, און ד' ד'. דערנאך איז געווען בהיכל הטישן א אינהאלטסרייכע לחיים רבתי בראשות הרה"ג המפורסם רבי חיים ברוך לייפער שליט"א מוותיקי תלמידי רביה"ק זצוק"ל וועלכער האט ארומגערעדט בגודל קדושת היום, און געזינגען ניגוני ל"ג בעומר.

נאכדעם איז מען אריבער בביהמ"ד הג' צום עריכת השלחן ושמחת התנאים וסיום מזון הנפש וואו די בחורים האבן מיטגעהאלטן די גאנצע צייט שטייענדיג אויף די פארענטשעס, שפעטער נאכ'ן טיש האט מען זיך צוריק ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג לישיבתינו הק' אנגעזאפט בקדושה ובטהרה ברוחניות ובגשמיות מיט א התעלות צו שטייגן ווייטער בתורה ועבודה.

# נייע חבורה לשבתות זמן הקיץ "במצות שבת גרוסה"

אין די יעצטיגע זמן הקיץ האט מען געגרינדעט א נייע חבורה "במצות שבת גרוסה" וואו מען טוט דורכלערנען די לימודים פון זמן החורף העעל"ט אין די טעג פון ערב שבת, וביום השבת.

אין די ערשטע פאר וואכן האט מען געלערנט יעדן שבת צווי בלאט פון פרק השוכר את הפועלים.

# יומדהל"ק פון רביה"ק מ'קאמארנא זצוק"ל געפראווועט מיט גרויס דערהויבנקייט

פארלאפענעם מאנטאג אמור, י' אייר העעל"ט איז געפראווועט געווארן די יומדהל"ק מיט גרויס דערהויבנקייט. צופרי נאך שחרית איז פארגעקומען א מסיבת לחיים וואו עס האט אויפגעטרעטן המגי"ש הרה"ג ר' יואל גאנדעל שליט"א במשנתו של בעל הילולא.

נאכמיטאג איז פארגעקומען א סעודת הילולא קדישא וואו עס האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' מנחם מענדל סג"ל גאלדשטיין שליט"א מנהל ישיבה קטנה במשנתו של בעל הילולא.

# געהויבענע פסח שני געפראווועט אין ישיבה

דעם פארלאפענעם דאנערשטאג אמור אול"י פסח שני העעל"ט איז געפראווועט געווארן א דערהויבענע מסיבת ליל שישי לרגל פסח שני דורכן פה מפיק מרגליות ונואם בחסד עליון, הרב אברהם יהושע פריינד שליט"א מנאסאד, וועלכער

האט ארומגערעדט בגודל קדושת היום, ובכלל די קדושת ימי הספירה, און מען האט געזינגען ניגוני פסח לכבוד היום.

# דרשות הכנה לקבלת התורה

אין די טעג פאר יו"ט שבועות איז פארגעקומען צווי דרשות הכנה לקבלת התורה, די ערשטע דרשה איז פארגעקומען יום ה' במדבר העעל"ט דורך הרב הגאון המפורסם אב"ד בית שמואל שליט"א וואס האט גאר שטארק ארומגערעדט בענין הכנה לקבלת התורה, און מפליא געווען תלמידי ישיבתינו און מחזק געווען צו גיין מעלה מעלה.

אויך איז פארגעקומען א דרשה דעם פארלאפענעם זונטאג נשא א' דורך הרה"צ ר' יואל יחיאל הכהן קאהן שליט"א חדב"ן כ"ק מרן רבינו שליט"א, צוזאמען מיט א שיעור כללי אויף סימן ש"ו אויף וואס מען גייט זיך פאהערן נאך יו"ט שבועות.

# ראש חודש סעודה בהיכל הישיבה

דעם פארלאפענעם זונטאג במדבר ר"ח סיון העעל"ט איז געפראווועט געווארן א סעודת ר"ח דורך הרה"ג המנהל שליט"א, וואו מ'האט מיטגעהאלטן דורכן טעל. די דברות קודש והדרכה ודברי פתיחה פון רבינו שליט"א בקריתינו הק'.

דער רבי האט בערך א שעה צייט אויפגעטרעטן מיט הדרכה פאר די בחורים בתורה ועבודה, און גאר שטארק מעורר געווען בחורי ישיבותינו הקדושות די בכל אתר ואתר, אויסצונוצן די גאלדענע בחורישע יארן ווען מ'איז אפגעטיילט פון די גאנצע וועלט, אין ליגן אין לערנען מיט א פעסטקייט, ובמיוחד האט דער רבי דערמאנט תלמידי ישיבתינו הק' אין ניו יארק, און מחזק געווען ווייטער צו גיין במסילה העולה בית קל.

# הערליכע שבתים געפראווועט בין כותלי הישיבה בהתרוממות הנפש

שב"ק פרשת אחרי-קדושים העעל"ט איז געפראווועט געווארן דורך הרה"ג המפורסם ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א מוותיקי תלמידי רביה"ק זצוק"ל וועלכער האט געפירט דעם געהויבענעם שב"ק, און מאריך געווען בדברותיו הנעימים, די סעודת שב"ק האט זיך פארצויגן פאר לאנגע שעות נאכאנאנד בשירה ובזמרה ובדברי תורה.

שב"ק פרשת אמור העעל"ט איז געפראווועט געווארן די תפלות און שלש סעודות דורך הרה"צ ר' אייזיק סג"ל שליט"א ר"מ בישיבתינו הק' בנו חביבו פון רבינו שליט"א ריש מתיבתא קדישא.

די סעודות שבת איז געפירט געווארן בראשות הרה"ח המפורסם ר' יואל קלמן הערשקאוויטש שליט"א עסקן נמרץ בקהלתינו הק' זצוק"ל וועלכער האט מאריך געווען במשנתו של רביה"ק זצוק"ל ובניגוני קודש.

שב"ק פרשת במדבר שבת מברכים סיון העעל"ט איז געפראווועט געווארן דורך הרה"ג ר' גבריאל יודא אילאוויטש שליט"א מגיד מישרים בוומסב"ג ור"מ בישיבת אוסטרובצא, דער גאנצער שבת איז אריבער מיט גרויס דערהויבנקייט.



## דרשת פתיחה והדרכה פון כ"ק רבינו שליט"א געהערט געווארן דורכן הוק-אפ

דעם פארגאנגענעם זונטאג ראש חודש סיון העעל"ט האבן תלמידי ישיבתינו הק' געהאט די זכי', נאכן הארעווען בתורה ובעבודה א גאנצן טאג בגפ"ת, שו"ע ונושאי כלים והכנה דרבה למתן תורתינו, צו הערן דורכן טעל. די דברות קודש פתיחת הזמן פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, ביים שלחן הטהור סעודת ראש חודש מיט די בחורי הישיבות בקריתינו הק'.

דער רבי האט נאכגעברענגט מפי ספרים וסופרים דברי הדרכה פאר די בחורי חמד, און אויפגעפלאמט די הערצער פון די בחורים לתורה ועבודה ומדות טובות, ארייטייטשענדיג בפרשת השבוע, דברי הכנה ליו"ט, והדרכה לימי הקיץ.

דעם פאלגענדן טאג מאנטאג העעל"ט איז פארטיילט געווארן פאר די בחורים קארטלעך אין קורצן ארויסגענומען פון די תוכן הדב"ק, די בחורים זאלן דאס קענען איבער'חזר'ן און געדענקן.

כי אם לשמוע דבר ה'.

## תלמידי ישיבתינו הק' זיך געגרייט בהכנה דרבה צו זמן מתן תורתינו

בהיכל הישיבה האט מען געגרייט שלשים יום קודם החג מיט א געוואלדיגע הכנה לקראת דעם יו"ט שבועות, מיטן לערנען שעות רצופות בלי הפסק. און מיטן לערנען ספרי חסידות, און ווי אויך די טייטש פון דעם הייליגן פיוט אקדמות.

ביי די פרייע מיטאג צייט האט הרה"ג רבי מרדכי בעריש מערמעלשטיין שליט"א ר"מ ומשפיע, ביי די ספעציעלע 'הכנה לשבועות' שיעורים אין די שלשת ימי הגבלה אויסגענוצט די צייט מיטן צוגרייטן די בחורים צום לעכטיגן יו"ט קבלת התורה, מיטן נאכזאגן מפי ספרי הקודש די געוואלדיגע קדושת הזמן, כדי מ'זאל שפירן א טעם אינעם יו"ט.

בקבלת תורה מסיני

## חזרות הלימודים כהכנה לזמן מתן תורתינו האט געברענגט א געוואלדיגע התעלות אויף די בחורים

אשרי עין ראתה דעם מחזה הוד וואס האט זיך אפגעשפילט אינעם היכל הישיבה, די וואך פאר יו"ט, ווען די בחורים זענען געזיצן און געלערנט בהתמדה גדולה די חזרות ביי די סדרי הישיבה, שיעור עיון, שיעור פשוט און שיעור בקיאות.

ווי באקאנט לייגן די רמ"י הישיבה ובראשם דער מנהל שליט"א אריין געוואלדיגע כחות, און זענען מזרז די בחורים כסדר, ברבים וביחיד, איבערצו'חזר'ן די לימודי הישיבה, און אזוי עס קונה זיין ווי ס'דארף צו זיין, און בע"ה סוף יאהר זיך שטעלן על המבחן אויף גאנץ מסכת גיטין, דאס קענענדיג על בריו.

א הייליגער קול תורה האט אפגעדונערט בקול רעש גדול, ווען די תלמידי הישיבה פון אלע 3 כיתות זענען געזיצן און מיט א ריתחא דאורייתא דורכגעאקערט די לימודי הישיבה, ביי שיעור עיון פרק השולח פון לח. ביז לט: גפ"ת עם הראשונים ואחרונים. שיעור פשוט פרק הניזקין פון מט. ביז נב:, און שיעור בקיאות פרק הזורק פון עז: ביז פ:.

און ווי יעדע וואך ביי אלע סדרים, און ווי אויך נאך די כסדר'דיגע חזרות, איז יעצט אויך פארגעקומען א בחינה בכתב, און די בחורים האבן דאס געענטפערט בטוב טעם ודעת.

נוצר תאנה יאכל פריו.

## תלמידי שיעור ג' ענדיגן בכי טוב די ערשטע סעיף בסימן רנ"ג בהל' שהיה והטמנה

דעם זמן הקיץ האט מען אנגעהויבן ביים סדר השולחן ערוך צו לערנען שו"ע הלכת שבת סימן רנג. מ'האט אנגעהויבן דורכצואקערן אנגעהויבן פון די מקור, גמרא רש"י תוספות. דערנאך דעם לאנגן טור בית יוסף וואס ציט זיך העכער 9 עמודים, בית יוסף, דרכי משה, מחבר,

רמ"א, מגן אברהם, טורי זהב, מחצית השקל, שולחן ערוך הרב.

די יעצטיגע וואך פרשת נשא א' ערב קבלת התורה האט מען זוכה געווען לברך על המוגמר, און מ'האט איבער'גע'חזר'ט אלע וואס איז געלערנט געווארן פון אנפאנג זמן, און צוזאמגענומען דעם גאנצן סעיף, פון טור ביז נאך שו"ע הרב מהחל ועד כלה, דער קול התורה האט אפגעדינערט אין ישיבה ביים לערנען די לומדישע סוגיא.

דערנאך איז פארגעקומען א ספעציעלע בחינה בכתב, און ס'האט זיך אנגעזעהן די שטארקע יגיעת התורה די לעצטע 6 וואכן, און די הבנה פון די חשובע בחורי ישיבתינו הק', וואס דער ר"מ הרה"ג ר' דוד שטערן שליט"א לייגט אריין מיט א זעלטענע קלארקייט דבר דבור על אופניו.

ילכו מחיל אל חיל וועט מען בע"ה ממשיך זיין ווייטער בלימוד שו"ע הלכה למעשה, וואו מ'וועט בעז"ה ענדיגן דעם זמן די גאנצע סוגיא שהיה והטמנה סימן רנ"ג און סימן רנ"ז בהבנה יתירה בס"ד.

הזורעים בדמעה ברנה יקצורו.

# תלמידי שיעור א' טרעטן אריין אינעם יו"ט מיטן דורכלערנען רוב הלכות תפלה

פון אנפאנג זמן החורף לערנען שיעור א', די וויכטיגע מקצוע אין שו"ע או"ח הל' תפלה, וואס ווערט פארגעלערנט דורכן חשובן ר"מ בישיבה אב"ד קהלתינו הק' מאנסי שליט"א, און יעצט האלט מען שוין בע"ה סימן ק"ט, און ביז סוף זמן הקיץ הבעל"ט וועט מען ענדיגן בע"ה די גאנצע הלכות תפלה.

ס'איז מרגלא בפומי' פון דער חשובער ר"מ ואב"ד שליט"א אז א טאהשער בחור דארף לערנען, קענען און מקיים זיין הלכות תפלה. און דער ר"מ טוט טאקע ביי די טעגליכע דברי מוסר והדרכה אריינבלאזן הויפענעס חיזוק מיטן לערנען און חזר'ן די וויכטיגע הלכות וואס מ'דארף צו וויסן מדי יום ביומו.

באזונדער טוט דער ר"מ מזרז זיין אז מ'זאל דאס כסדר חזר'ן, כדי מ'זאל דאס קענען צוזאמנעמען סוף זמן בע"ה, און זיך שטעלן צום פארהער כלול בהדרו.

אין הדבר תלוי אלא בי.

# בחורי שיעור ב' פלאגן זיך אויף א קשיא פון רבי עקיבא איגר זצ"ל כהכנה ליו"ט

די פארגאנגענע וואך פר' במדבר הבעל"ט, ביים טעגליכן סדר שולחן ערוך, האט דער חשובער ר"מ הרה"ג ר' חיים הערש מייזעלס שליט"א, נאכן אדורכלערנען סימן ש"ח סעיף ח', די סוגיא פון דלתות הבית והכלים, האט דער חשובער ר"מ געלערנט צוזאמען מיט די חשובע בחורים א קשיא פון הגה"ק רבי עקיבא איגר זצוק"ל, און דאס מסביר געווען בטוב טעם ודעת, אז די בחורים זאלן ברענגען א תשובה, כהכנה דרבה למתן תורתינו הבעל"ט.

די קומענדיגע טעג איז געווען א ערהאבן בילד אין ישיבה, ווען מ'האט געזעהן די חשובע בחורים אין די פרייע צייטן, וואו זיי זענען זיך מפלפל בפלפולא דאורייתא מיט א קאך, ס'איז געווען א נחת צו קוקן וואו מ'זוכט נאך אין די ראשונים ואחרונים וגדולי הפוסקים וכדו'.

נאך א וואך פון זיך פלאגן בריתחא דאורייתא, מלבן זיין די הלכה על בריו, רעדנדיג מיט די חשובע תלמידי חכמים מרביצי תורה בישיבתינו זענען די תלמידים צוגעקומען צום תירוץ פונעם הייליגן מקור חיים זצוק"ל.

דערנאך האט דער ר"מ ארויסגעגעבן א קונטרס, כדי די בחורים זאלן עס קענען גוט איבער'חזר'ן מיט א געוואלדיגע קלארקייט, און ארויס האבן די פעסטע סוגיא כמונת בקופסא.

די וואך מאנטאג האבן די בחורים זיך געשטעלט צום בחינה דערויף, און האבן געלויכטן פאר גרויס שמחה, אין שמחה כשמחת התורה,



ענטפערנדיג מיט א קלארקייט אלע תשובות.

כי הם חיינו ואורך ימינו.

## גאר רייכע דרשות התחזקות בקדושת הזמנים ווערן געהערט יעדן ער"ש בהיכל הישיבה

יעדן ערב שבת קודש, באלד נאכן מעביר סדרה זיין, ווערט געהערט הערליכע דרשות פון די חשובע מרביצי תורה שליט"א, וועלכע טרעטן אויף מיט דברי חיזוק בעניני הפרשה וקדושת הזמנים, וועלכע ברענגט אריין א שטארקע הכנה לשבת קודש בלב הבחורי חמד.

ערש"ק פרשת תזריע-טהרה האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' אלתר משה כהנא שליט"א ר"מ, ארויסברענגענדיג וויאזוי מ'דארף מיטנעמען דעם לעצטיגן חג הפסח אויף ווייטער, און חיזוק צום פרישן זמן הקיץ.

ערש"ק פרשת אחרי-קדושים האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' מרדכי בעריש מערמעלשטיין שליט"א ר"מ ומשפיע, און האט נאכגעזאגט אז די יעצטיגע פרשה קדושים איז פול מיט מצות עשה ולא תעשה, און מ'דארף זיך מחזק זיין מיטן מקיים זיין די תרי"ג מצות וועלכע זענען תרי"ג עטין, עצות נאנט צו ווערן צום בוכ"ע.

ערש"ק פרשת אמור האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' ישראל ישכר בער לייפער שליט"א ר"מ, נאכזאגענדיג פון צדיקים די געוואלדיגע קדושת ימי הספירה, ובפרט שטייענדיג בימי הוד ווען ס'איז תרעין פתיחין. און מבאר געווען דעם ענין פון פסח שני בימינו אלה.

ערש"ק פרשת בהר-בחוקותי האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' יואל גאנדעל שליט"א ר"מ, וועלכער האט ארויסגעברענגט די געוואלדיגע אהבה רבה וחיבה יתירה פון השי"ת צו בניו החביבים. ובעניני מעשר בהמה, משולב מיט די לימודי שיעור פשוט בישיבה.

ערש"ק פרשת במדבר האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' ישעי' יעקב גרובער שליט"א משגיח, צווישן אנדערע האט ער ארויסגעברענגט עניני קדושת הפרשה, והכנה לקבלת התורה, שבת דרך ארץ.

שמעו ותחי נפשכם.

## הערליכע ווערטפולע זונטאג דרשות פונעם חשובן מנהל שליט"א

יעדן זונטאג נאכמיטאג קומט פאר א גאר רייכע דרשה פונעם חשובן מנהל הרה"ג ר' מנחם מענדל סג"ל גאלדשטיין שליט"א וועלכע געט די ריכטיגע חיזוק פאר די גאנצע קומענדיגע וואך.

דער מנהל רעדט ארום בעניני הזמן הנוגעים למעשה, מיט שטארקע ווערטער בדברי חיזוק בלימוד התורה, חזרת הלימודים, לימוד ובחינה חומש ורש"י, ללמוד ולחזור כדי לסיים מסכת גיטין, עבודת התפלה, דרך ארץ ומדות טובות, נחיצות לחזק החבורות בישיבה.

ווי אויך דערציילט דער מנהל, האלטענדיג געשפאנט מיט א לענגערע סעריע בתולדות עובדות וסיפורים מתלמידי הבעשטה"ק אשר מפיהם אנו חיים זיעועכי"א, פון וואס די בחורים האבן א געוואלדיגע הנאה, און ברענגט זיי אריין אין א וועלט פון די אמאליגע צדיקים.

## סעודת יודהל"ק י' אייר געפראוועט

א שיינע סעודת הילולא איז געפראוועט געווארן בהאי יום הגדול, דער חשובער מנהל שליט"א האט אויפגעטרעטן בעניני בעל הילולא, און ארויסגעברענגט בטוב טעם ודעת וואס מיר קענען זיך אפלערנען פון הייליגן בעל הילולא.

ווי אויך האט הרה"ג רבי מרדכי בעריש מערמעלשטיין שליט"א ר"מ ומשפיע ארומגערעדט סיפורים ועובדות פון בעל הילולא, און אונזער שייכות מיט זיי. מ'האט געזינגען פאסיגע ניגוני יארצייט, און דערנאך איז דער משפיע מכובד געווארן מיט ברהמ"ז.






בעזהשי"ת
## קהל אור החיים ד'טאהש
קרית טאהש
תע"א
נתייסדה ע"י רבינו הקוה"ט זיעועכ"י - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

ערב קבלת התורה תשפ"ו לפ"ק

# זמני וסדרי חג השבועות

### יום א' דשבועות
מנחה ליל א' ........ 9:15
**שלחן הטהור ליל א' ........ בשעה 1:30**
בהיכל ביהמ"ד הגדול
שחרית ביום א' ........ ברכות 10:15 הודו 10:30
קידושא רבא ושלחן הטהור תיכף אחר התפילה בהיכל ישיבה גדולה
מנחה יום א', ליל שב"ק ........ בשעה 9:00

### יום ב' דשבועות – שב"ק
אמירת כל ספר תהלים בבוקר ........ בשעה 7:45
חברת תהלים לתשב"ר בשעה 9:00
שחרית ביום ב' ........ ברכות 10:00 הודו 10:15
יזכור 1:15 בערך
מנחה יום ב' ........ בשעה 8:00
ואח"כ סעודת שלישית ונעילת החג

ויו"ט היה עושה בצאתו בשלום מן הקודש:
מעמד 'הבאגלייטן וברכת הקודש' מוציו"ט
תיכף אחר השיחות קודש

בברכת שמחת יום טוב ושבתא טבא
**הנהלת הקהלה**

---

# מודעה
## לכל האורחים החשובים לחג השבועות

בעזהשי"ת
## קהל אור החיים ד'טאהש
קרית טאהש
תע"א
נתייסדה ע"י רבינו הקוה"ט זיעועכ"י - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

ערב קבלת התורה תשפ"ו לפ"ק

### זמן כניסה
**בקו"פ אצל כ"ק רבינו שליט"א בערב יו"ט**
משעה 5:00 עד שעה 6:00
בחדר הפרטי בבנין ביהמד הגדול
במוציו"ט לא יתקיים קבלת קהל

**חדרי האש"ל** ........ בבניני הישיבות
להתקשר עם וועד האש"ל 514-582-6380

**פת שחרית ערב יו"ט** ........ משעה 9:00 עד 11:00
בחדר האוכל בבנין ישיבה גדולה

**טועמי'** ........ משעה 4:00
בחדר האוכל בבנין ישיבה גדולה

זמן הלקה"נ בשעה 8:12

**סעודת יו"ט ליל א'** ........ תיכף אחר התפלה
בהיכל הטישן #9

**סעודת חלב יום א'** ........ תיכף אחר התפלה
אצל קידושא רבא ו'שלחן הטהור מילכיגע טיש'
בהיכל ישיבה גדולה

**שאר סעודות יו"ט** ........ תיכף אחר התפלה
אצל שלחן הטהור של כ"ק רבינו שליט"א
בהיכל הטישן #9

**מלוה מלכה מוצאי שבויו"ט** ..... בהיכל הטישן #9

כל האורחים החשובים מוזמנים לסעוד כל הסעודות יו"ט
אצל השלחן הטהור של רבינו שליט"א בהיכל הטישן #9

בברכת שמחת יום טוב ושבתא טבא
**הנהלת הקהלה**

לא תרצח לא תנאף לא תגנב לא תענה לא תחמוד
אנכי ה' לא יהיה לא תשא זכור את כבד את

ובאו כולם בברית יחד
נעשה ונשמע אמרו כאחד

---


בסייעתא דשמיא

# מצמיח ישועות

#1
ישועות דורך די תהלים זאגען פון די תלמוד תורה קינדערלעך יעדע ערב ראש חודש אצל ציון הקדוש של רביהקוה"ט זצוק"ל

## אומגלויבליך! געטראפן א רחבות'דיגע חתן-כלה דירה אין צענטער פון שטעטל!

א פרישער יונגערמאן דערציילט זיין שטוינענדע געשיכטע:

ווי יעדער איינער ווייסט, הערשט גאר א גרויסער דירות-קריזיס דא אין טאהש, ספעציעל אין קלענערע סייז דירות פאר פרישע פארפעלקער. ווער עס האט נאר חתונה געמאכט א קינד דא אין טאהש אין די פארגאנגענע פאר יאר, ווייסט אז עס איז כמעט אוממעגליך צו טרעפן א צוגעפאסטע באקוועמע דירה פאר א נייע פארפאלק נאך די חתונה.

נישט אנדערש איז געווען ווען איך בין א חתן געווארן, מען האט גלייך אנגעהויבן זוכן א פאסיגע דירה, וויסנדיג אז דאס איז עפעס וואס קען נישט אפגעלייגט ווערן אויף שפעטער. די מחותנים האבן זיך ארויסגעלאזט זוכן איבערן גאנצן שטעטל, אבער אן ערפאלג; עס איז נישט געווען צו געפינען אפילו איין ליידיגע חתן-כלה דירה.

ווי נענטער עס איז געווארן צו די חתונה, אלס מער באזארגט זענען מיר געווארן איבער די אנגייענדע סיטואציע. עס האט זיך נישט אנגעזען קיין שום האפענונג אויפן האריזאנט אז מיר וועלן קענען טרעפן א לייטישע דירה אין די נאנטע צוקונפט.

אינצווישן איז אנגעקומען די טאג פון די חתונה, ווען מיר זענען געגאנגען אונטער די חופה בשעטומ"צ, אבער אן קיין שיינע אויסשטאפירטע דירה ווי מיר האבן געהאפט. אנשטאט האבן מיר זיך איינקווארטירט אין א קליין, צושטופטע בעיסמענט אויף צייטווייליג, ביז מיר וועלן טרעפן עפעס בעסער.

עטליכע וואכן נאך די חתונה, ווען איך און מיין ב"ב האבן געשפירט אז עס איז שוין ממש באו מים עד נפש צו וואוינען אין אזא לעכל, האב איך פונקט געהערט עטליכע געשיכטעס פון אידן וואס האבן געזען אפענע ישועות דורכ'ן געבן א נדבה און זיך אויפסיינען ביי "פועל ישועות".

הערנדיג די אלע ערשטהאנטיגע מעשיות, האב איך באשלאסן אריינצורופן צו "פועל ישועות" מיט א ברייטהארציגע נתינה, און איבערגעבן אונזערע נעמען מתפלל צו זיין אז מיר זאלן אינגיכן טרעפן א רחבות'דיגע צוויי-בעדרום הויז וואס זאל זיין געאייגנט און צוגעפאסט פאר אונז.

עס הערט זיך טאקע אומגלויבליך, אבער איז דאך א פאקט: א קורצע צייט נאכ'ן אויפסיינען, האבן מיר אומגעראכטענערהייט באקומען א גאר גוטע פארשלאג פאר א באקוועמע צוויי-בעדרום דירה אין צענטער פון שטעטל, עפעס וואס איז בדרך הטבע נישט שייך צו געפינען אפילו ענליכס דערצו.

דאן האבן מיר געזען מיט די אייגענע אויגן, אז כאטש וואס עס זעט טאקע אויס ממש אוממעגליך צו טרעפן אזא צוגעפאסטע דירה פאר א פרישן פארפאלק, האבן אבער די תפילות פון די תינוקות של בית רבן ביים ציון הקדוש פונעם הייליגן רבי'ן זי"ע, עושה רושם געווען און געפועל'ט ביים אויבערשטן א גאנצע ישועה למעלה מדרך הטבע.

אידן פארציילן אפענע ישועות. מיטן נעמען א שותפות אין פועל ישועות קענט איר אויך פארציילן אייערס!
**שליסט אייך אן!**

$36 לחודש
וועלן די הייליגע קינדער מתפלל זיין, לייגן אייער קוויטל יעדן ערב ראש חודש ביים ציון

$54 לחודש
וועלן די הייליגע קינדער מתפלל זיין, לייגן אייער קוויטל און צינדן א לעכט יעדן ערב ראש חודש ביים ציון

$100 לחודש
וועלן די הייליגע קינדער מתפלל זיין, לייגן אייער קוויטל יעדן ערב ראש חודש ביים ציון, און אויך וועט איר האבן א נר תמיד ביים ציון הק' דורכאויס דעם גאנצן יאר

האנדלט זיך איין דעם אומשאצבארע זכות און שטיצט דעם רבינ'ס הייליגע ירושה
845.402.TOSH
8674
TOSH16BH@GMAIL.COM


---

בעזהשי"ת
## קהל אור החיים ד'טאהש
קרית טאהש
תע"א
נתייסדה ע"י רבינו הקוה"ט זיעועכ"י - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

ויום טוב היה עושה בצאתו בשלום מן הקודש

# מעמד הבאגלייטן
מוצאי יו"ט שבועות תשפ"ו
בצל הקודש של
## כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א
בשעה 11:00 בערך

### וויכטיגע אנווייזונגען

- תיכף נאך תפלת מעריב וועט מען אריבערגיין לברך ולהתברך בברכת "א גוטע וואך א גוט יאהר".
- נאכדעם וועט רבינו שליט"א מאכן הבדלה אין ביהמ"ד הגדול.
- באלד נאכן זאגן ויתן לך וכו' ושיחות קודש וועט דער רבי ארויסגיין פון ביהמ"ד הגדול.
- דער ציבור וועט אפווארטן דעם רבי'ן אונטערן ביהמ"ד הגדול בשירה ובזמרה.
- דער 'מקהלות המנגנים בחצרות קדשינו' וועלן אנפירן מיט די נגינה לכבוד המאורע.
- דער ציבור וועט אהיים באגלייטן דעם רבי'ן ביז ביתו נאוה קודש #9.
- אויפן גאנצן וועג וועט אנהאלטן די שירה וזמרה צו געבן א שבח והודאה להשי"ת און זיך געזעגענען פונעם לעכטיגן יו"ט בצל הקודש.
- אנקומענדיג אויף די טעראסע פון ביתו נאוה קודש, וועט דער רבי משמיע זיין ברכת קדשו לכל קהל הנאספים.
- נאכן ברכת הקודש וועלן ווייטער פארזעצן די פייערליכע ריקודין אויפן פלאץ בשבח והודאה להשם הטוב על כל החסד, ובבקשה על העתיד.
- מ'בעט זייער דעם ציבור אויסצופאלגן די אנווייזונגען פון די עסקנים.
- אויב די וועטער וועט נישט ערלויבן, וועט די מעמד הבאגלייטן וברכת הקודש פארקומען אין ביהמ"ד הגדול.

### והיה מחניך קדוש:

- כדי אנצוהאלטן די גדרי הצניעות כראוי, זאלן די נשים זיך האלטן בלויז אויף די זייט אקעגן איבער ביתו נאוה קודש.
- אויך אויפן גאנצן וועג ביז ביתו נאוה קודש זאלן נישט זיין קיין נשים אויף רחוב בית הלוי ווי דער ציבור וועט זיין ביים באגלייטן.
- אויפן וועגן אהיים, נאך די ברכת הקודש והריקודין זאלן די נשים נוצן בלויז די וועג פונעם בערגל, און די מענער בלויז רחוב בית הלוי.

אַשְׁרֵי עַיִן רָאֲתָה אָהֳלֵנוּ, בְּשִׂמְחַת קְהָלֵנוּ

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

במדבר - תשפ"ו לפ"ק

## מאנטאג במדבר

ביינאכט איז פארגעקומען די שמחת הוואכנאכט פון נכד רבינו שליט"א, בן הנולד צו הגה"צ רבי שמואל פריעדמאן שליט"א חדב"ן ור"מ בישיבה קטנה אוה"ח, דער רבי האט זיך געוואשן צו די סעודה, און מכבד געווען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א צו פארציילן די מעשה וואס מען דערציילט ביים וואכנאכט, מען האט געזינגן פאסיגע ניגונים און דער ציבור איז אריבער דעם רבי'ן וואונטשן מזל טוב.

מיט ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרב אברהם ברוך פריעדמאן שליט"א. דערנאך האט דער רבי געליינט קריאת שמע און המלאך, און געבענטשט דאס קינד.

## דינסטאג במדבר

אינדערפרי איז פארגעקומען די שמחת הברית מילה בהיכל ישיבה קטנה, דער רבי איז מכובד געווארן מיט סנדקאות, און דער מחותן אב"ד ברעזאן שליט"א איז געווען קוואטער, און מכובד געווארן מיט ברכות וקריאת השם, ויקרא שמו בישראל שמעון נאכן תנא אלקי' רשב"י.

דער מנהל הרה"ג ר' בערל טירנויער שליט"א איז מכובד געווארן מיט סנדק מעומד, האדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א אל הכסא, דער מגיד שיעור הרה"ג ר' אלימלך סג"ל לאווען שליט"א מן הכסא.

נאך קדיש האט דער רבי געבענטשט דאס קינד, און מען האט געזינגן פאסיגע ניגונים.

◆

שפעטער האט זיך דער רבי געוואשן צום סעודת ברית בהיכל הטישן בביתו נאוה קודש, בהשתתפות די תלמידי הישיבה, בראשות די חשוב'ע מגידי שיעורים שליט"א.

במשכ'ן סעודה האט אויפגעטרעטן דער זיידע ברעזאנ'ע רב שליט"א. דער רבי האט געטיילט שיריים פון די קוגל פאר אלע תלמידים, און מען האט געזינגן יום ליבשה. ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען דער זיידע הגה"צ אב"ד ברעזאן שליט"א, שיר המעלות הב' אלימלך זכרי' ב"ר יחיאל אלתר סאקס נ"ו תלמיד ישיבה גדולה. די הרחמן'ס זענען צוטיילט געווארן צווישן די בני המשפחה און דער מוהל.ומשמחה זו יושפע שפע רב לנו ולכל ישראל אמן.

## דאנערשטאג פר' במדבר

אינדערפרי איז פארגעקומען ביי רבינו שליט"א די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר שאול יחזקאל פאגעל הי"ו, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

◆

נאכמיטאג איז דער רבי ארויס צום ציון הקודש פון רביה"ק זי"ע לאמירת כל ספר תהלים ותפילת השל"ה, לרגל ערב ר"ח סיון מוקדם.

ביי קבלת קהל איז אריין אל הקודש פנימה כ"ק אדמו"ר מ'שאץ בני ברק שליט"א, ווי עס איז פארפירט געווארן א שיינע שמועס.

נאך מעריב האט דער רבי מכבד געווען האדמו"ר משאץ שליט"א צו ציילן ספירה.

## עש"ק פר' במדבר

אינדערפרי האט דער רבי געדאווענט תפילת שחרית בהיכל ישיבה קטנה אין קריתינו הק', נאך וואס די בחורים האבן געהאט א פראגראם פון לערנען ליל שישי א גאנצע נאכט כהכנה לחג השבועות הבעל"ט, נאכן






ישיבה גדולה
אור החיים ד'טאהש

ערב חג השבועות תשפ"ו לפ"ק

### מודעה חשובה

הננו בזה להודיע לאלו שכבר שלחו את האפליקאציע במילואה להנהלת הישיבה, **אשר הרה"ג מנהל הישיבה שליט"א ישהה בניו יארק בימי השבוע דפרשת שלח הבעל"ט,** במטרה מיוחדת לבחון את הבחורים לקראת זמן החורף תשפ"ז הבעל"ט.

**המנהל שליט"א יצלצל לכל אחד להודיעו הזמן והמקום המיועד להבחינה.**

ובהזדמנות זו הננו פונים בבקשה לכל מי שעדיין לא שלח את האפליקאציע הדרושים, שיזדרז לשלחם עד יום ה' פרשת בהעלותך כדי שהדברים יתנהלו כסדרן, ולא יבואו לידי טירחא ועיכובים מיותרים.

יהי רצון שתשרה ברכה והצלחה במעשה ידינו, ונזכה להעמיד תלמידים הגונים בסייעתא דשמיא מרובה.

**הנהלת הישיבה**

דאווענען האבן 2 בחורים געמאכט א סיום מסכתא.

## שב"ק פר' במדבר

פארן זמן הדלה"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע, די נרות שבת, און געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה, דערנאך געוואונטשן א גוט שבת.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן 'א גוט שבת'.

◆

ביים שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הגה"צ רבי שמואל פריעדמאן שליט"א חדב"ן. מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: כ"ק אדמו"ר מ'שאץ בני ברק שליט"א, הרה"ג ר' בערל מאסקאוויטש שליט"א בן אדמו"ר מ'שאץ ב"ב, הרה"ח ר' יעקב זאב שווארץ הי"ו פון בארא פארק, הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א, הרה"ג ר' יוסף ישכר בער סג"ל טירנויער שליט"א מנהל ישיבה קטנה, הרה"ח ר' יהוסף יואל סג"ל קרויס הי"ו פון מאנטריאל.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און משמיע געווען דברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א, שיר המעלות הב' ישראל ב"ר משולם פייש קרויס נ"י תלמיד ישיבה גדולה.

נאכן בענטשן איז פארגעקומען די שמחת השלום זכור פון די צווילינג יונגלעך פון בן הרב יחזקאל שרגא מערץ שליט"א, חתן הרה"ג ר' אלעזר דוד קאהן שליט"א מו"ץ ונכד רביה"ק זי"ע, דער רבי האט טועם געווען פון די בונדלעך, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בעל שמחה.

שבת נותנים לו מו"ה משה יודא צוויבל הי"ו פון קרית יואל.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן, און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג פארנט פון ביתו נאוה קודש האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט שבת'.

◆

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג. צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' אפרים פישל פעלבערבוים הי"ו. שחרית האט געדאווענט מוה"ר יואל אלחנן פאפלאנאש הי"ו משב"ק.

די עליות האבן עולה געווען: כהן מוה"ר נחמן כהנא הי"ו חתן הרה"ג ר' בערל טירנויער שליט"א, דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, לוי הרה"ג ר' נחמי' צבי חיים סג"ל קרויס שליט"א, שלישי הרה"ח ר' יעקב זאב שווארץ הי"ו, רביעי מוה"ר משה יצחק אליעזר פאפלאנאש הי"ו, חמישי הרה"ח ר' יצחק יודא לייבוש מערמעלשטיין הי"ו, ששי כ"ק אדמו"ר מ'שאץ בני ברק שליט"א, שביעי הרה"ג ר' אברהם אלימלך ניימאן שליט"א, הוספות: מו"ה חיים נחום האלפערין הי"ו דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, מו"ה אברהם פריעדמאן הי"ו דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, הרב יחזקאל שרגא מערץ שליט"א נכד רביה"ק זי"ע. אחרון הרה"ג ר' בערל מאסקאוויטש שליט"א בן אדמו"ר מ'שאץ שליט"א.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל. דער רבי האט עולה געווען מפטיר. הגבה מוה"ר מאיר משה שפיטצער הי"ו פון וומסב"ג, גלילה מו"ה שמעון שווארץ הי"ו פון בארא פארק.

דער רבי האט געבענטשט ראש חודש מיט גרויס התעוררות. און צוגעגאנגען צום עמוד צו תפילת מוסף, לרגל די בעפארשטייענדן יארצייט פון בני משפחת רביה"ק זי"ע שנעקדו על קידוש השם בחג השבועות. פתיחה צו אנעים זמירות מוה"ר משה ישעי' שווארץ הי"ו מנהל התאחדות אברכים בארא פארק.

◆

ביים שלחן הטהור אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים בהיכל הטישן איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הב' אברהם ב"ר יצחק שלמה בראדי נ"י תלמיד ישיבה גדולה.

אז ביום השביעי מו"ה שמעון שווארץ הי"ו פון בארא פארק. ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' יעקב זאב שווארץ הי"ו. שיר המעלות הב' רפאל אברהם ב"ר זיידא ראטטענבערג נ"י תלמיד ישיבה גדולה.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און געזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט שבת'.

◆

שבת נאכמיטאג האט פארגעלערנט פרקי אבות בהיכל ביהמ"ד הגדול הגה"צ רבי יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש שליט"א חדב"ן.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' ארי' פנחס סג"ל קרויס הי"ו. די עליות האבן עולה געווען: כהן הגה"צ רבי נחמן כהנא שליט"א חדב"ן, לוי הרה"ח ר' יהוסף יואל סג"ל קרויס הי"ו פון מאנטריאל,


בשורה משמחת
א באס וועט אי"ה פארן דאנערשטאג נאכט
אויף שבת קודש פ שלח
קיין קרית טאהש
לרגל די יומא דהילולא של
רבינו השרף מרן
רבינו משולם פייש בן ר מרדכי סג"ל
זצוקללה ה
פרייז $160 ראנד טריפ
בארא פארק: 9:30
וויליאמסבורג 10:00 Bedford highway
מאנסי 11:30 wall mart 59
מאנרא 12:00 and ride
ביטע רופט
347 689 9964
פוילט'ס אלעס גוט'ס

שלישי הרה"ח ר' צבי זאב בערגער הי"ו, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, גלילה הגה"צ רבי יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש שליט"א חדב"ן.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען כ"ק אדמו"ר מ'שאץ בני ברק שליט"א. דער רבי האט משמיע געווען דב"ק.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה"ח ר' חיים פנחס צוויבל הי"ו, הרה"ח ר' פנחס ברוך האלפערין הי"ו, הרה"ג ר' אלעזר דוד קאהן שליט"א מו"ץ ונכד רביה"ק זי"ע, מו"ה חיים נחום האלפערין הי"ו.

דער רבי האט געבענטשט ברהמ"ז על הכוס, הגבהת הכוס החתן חיים נחום ב"ר יואל מערמעלשטיין נ"ו תלמיד ישיבה גדולה. שיר המעלות הב' צבי הירש בה"ר יצחק אייזיק פיש נ"ו תלמיד ישיבה גדולה.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב, דערנאך געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס צו הבדלה החתן יואל ב"ר אברהם יושע בינער נ"ו תלמיד ישיבה גדולה, די הבדלה האט געהאלטן הב' אברהם זיידא ב"ר יואל הערש פויגעל נ"ו תלמיד ישיבה גדולה.

דערנאך האט דער רבי מכבד געווען האדמו"ר מ'שאץ בני ברק שליט"א צו דערציילן סיפורי צדיקים. שפעטער האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

## זונטאג פר' נשא א' - ר"ח סיון

נאכמיטאג האט דער רבי מעריך געווען די שלחן הטהור סעודת ראש חודש סיון מיוחד פאר מיט תלמידי ישיבותינו הקדושות, ישיבה גדולה און ישיבה קטנה, בהיכל ביהמ"ד הגדול, און תלמידי ישיבותינו הקדושות ישיבה גדולה און ישיבה קטנה, פון ניו יארק האבן מיטגעהאלטן די טיש דורך א הוק אפ.

דער רבי האט געצינדן ליכט און זיך געוואשן צום סעודה, נאך די פיש געוואונטשן לחיים, און געטיילט קוגל פאר אלע תלמידים.

דער רבי האט משמיע געווען לענגערע דברות קודש והדרכה אלץ פתיחת הזמן בערך א שעה, ארומערדנדיג בדרכי העבודה, וויאזוי די בחורים דארפן אויסנוצן די בחור'ישע יארן צו שטייגן בתורה ויראת"ש ומידות טובות, במשנתו פון רבינו הקדוש זי"ע.

ברכי נפשי האט דער רבי מכבד געווען הרה"ג ר' שמעון יחיאל ראטה שליט"א מנהל ישיבה גדולה אוה"ח, ברהמ"ז על הכוס הרה"ג ר' בערל טירנויער שליט"א מנהל ישיבה קטנה אוה"ח, שיר המעלות הב' מענדל בער מערמעלשטיין נ"ו תלמיד ישיבה גדולה, בן האדמו"ר מדעלאטין.


בעזהשי"ת

מזון הנפש

סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

= פרשת נשא =

| | ז' עמודים - מסכת זבחים | | ה' עמודים - מסכת סנהדרין | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק שבועות | דף ק: | דף צז. | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף קא. | דף צז: | דף ח. | דף ו. |
| מאנטאג | דף קא: | דף צח. | דף ח: | דף ו: |
| דינסטאג | דף קב. | דף צח: | דף ט. | דף ז. |
| מיטוואך | דף קב: | דף צט. | דף ט: | דף ז: |
| דאנערשטאג | דף קג. | דף צט: | דף י. | חזרה |
| עש"ק | דף קג: | דף ק. | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' קרח

חבורת ז' עמודים - צה. - קה:

חבורת ה' עמודים - תחילת המסכת - יב:

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה, שואל ומשיב, ווי אויך צו טרעפן א חברותא רופט קול איחוד טאהש

514-500-8674 - 718-451-8674

ביי 4-1 פון די מעין מעניו

פרנס

השיעורי תורה על 'קול איחוד' לשבוע הבעל"ט

נתנדב על ידי

מו"ה שמואל אליעזר ראזענצווייג הי"ו

(קרית יואל)

לרגל הולדת בתו למז"ט

זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד לו ולזרעו להתברך בכל הברכות הכתובה בתורה עד עולם אמן

קול איחוד טאהש

מקושר פון איבעראל

718.451.TOSH 514.500.TOSH

718.451.8674 514.500.8674

0.333.015.0715 079.704.0074

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות

מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויוס | מזון הנפש | עזר לתושבים

מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן בריוון, מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:

מיטוואך 12:00 מיטאג

איחוד תלמידי וחסידי טאהש

יו"ל ע"י

איחוד תלמידי וחסידי טאהש

פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערווירן אנשי שלומינו

P: 718.451.8674 EXT. 80 | F: 845.610.8674

11 Van Buren Dr. #205 Monroe N.Y. 10950

גליון באור החיים | להתאחד בחורי אנ"ש | קול איחוד טאהש | חברה ש"ס | מתאחדת בלעטל | טעלעפאון ביכל | פרנסה ביחד